"No, Shraga, that's not it. I hate to say it, but for all their beauty and their good intentions, your poetry has become too abstract, too remote, too — I hate the word — too sterile for the general reader." He raised a palm. "No, before you speak, listen to me. Europe, Auschwitz, Siberia — they're behind us. The people, yes, the people are tired of the same reworked themes. Your 'Ashes of Time' ten years ago were appropriate. They were good poems, substantial, sensitive, significant. But today ..." He paused, then with his hand again cut across whatever Shraga Sztayer was beginning to say. "Our reality today is Australia not Poland, Israel and not the vanished shtetl. Our problems are of identity, belief, culture, affluence, of children turning away, of parents unable to reach them. A poet who wants to leave his mark must adapt and respond to change, and progress in the same direction as society around him. Withdrawal, retreat into the warp of exhausted themes is escape from his fundamental responsibility."

"Exhausted themes! Barfuss. Joel. I lost a wife and child in Auschwitz. There is only one true theme for the Jew of today. Auschwitz and survival. In our time, the rest is commentary."

"Now tell me this", Barfuss said, pointing at the manuscript in Shraga Sztayer's hands, "how do you hope to reach the youth in this way? It is they, after all, who must bear the burden of our continuity. **They** won't read your poems about the War, not even the best of them. It's hard enough to persuade them to read Yiddish, let along Yiddish poems about a war they haven't experienced and will never, **can** never understand."

"But I can't stop writing."

"I know, Shraga, I know. That is every writer's curse. His protest against oblivion, his striving after a dustbowl of fame. But am I not right? Take your own daughter now."

Shraga Sztayer winced and felt the need to defend. "But Rita is different."

"Oh? And how?"

Challenged to express, he had found the differences immaterial. He nodded at Barfuss, conceding the point.

"You see, Shraga", the publisher pressed home, though not with malice, "even your daughter is of her generation."

Shraga Sztayer now stood by the door.

"You leave me no choice", he said to Barfuss who, sitting on the edge of the desk, suddenly looked bored.

"No choice?"

He saw Barfuss turn up his hands and raise an eyebrow as if to say, "That is your decision, not mine", and angry, beaten, hurt, he left the publisher's office.

What was from the first an impulsive declaration gave seed in the days that followed to further burgeoning thought. The idea, increasingly persuasive, clung to him tenaciously and, in its way, he made enquiries, calculated his resources — wanting by far — thought of his friends, shilly-shallied between alternative courses of action and, in a night of sleepness brooding, decided with a desperate thrust of his imagination to borrow from Rita to publish his poems. His decision soldered into the solidity of resolve, he determined to act quickly lest the vigour of his decisiveness begin prematurely to wane. He set out in the late afternoon when certain of finding Rita at home. He prayed only that she should not be too hard.

Shraga Sztayer arrived at Rita's house during another downpour. Enshrouded by the prematurely darkening light, the house normally elegant in its russet brick and stylish high-arched windows looked excessively subdued. Before it, the dull shrubs, bushes and trees sagged heavily under the pelting rain and along the path lay broken leaves and severed petals beaten flat in the soil that darkly smudged the concrete. He smelt the rain among the foliage and from somewhere more remote came the rancid sicklier odour of burning rubber.

To his disappointment, he saw both Rita's and Nathan's cars in the carport. He had hoped to catch Rita alone.

It was Nathan Rubin who opened the door. Obviously surprised, he looked at Shraga Sztayer, then at the rain and again at the visitor, his father-in-law, before him.

"Come in", he said, moving aside his bowed massive frame from the doorway. Shraga Sztayer caught a hint of a smile, but only a hint. More conspicuous were the high forehead puckered deeply between the eyebrows, the tightness in the jaw and a distant, unmistakable hurt in the eyes behind his thick heavy glasses. "Yes, come in, give me your coat."

"You are home early", Shraga Sztayer said, to make conversation.

"Yes", Nathan Rubin said, "it is unusual".

From the kitchen Shraga Sztayer heard the hiss of something frying and smelt fish and eggs along the hallway. Rubbing circulation back into his bitten hands, he walked towards the kitchen where through the doorway he saw Rita, her back to him, bending over the sink and rinsing celery under running water. When she turned upon his entry, she straightened, reached for a tea-towel and exclaimed, "Father".

"It is nothing, nothing", he said, placating with his hands and laughing weakly. "A man alone gets lonely, wants to see his daughter." He heard Nathan's heavy tread behind him.

Rita squinted, unconvinced. A loose curl of her black hair had worked itself over an eyebrow and with an upward puff of her lips she tossed her head to restore the rebellious wave. She wore an orange apron with flowers into which she reached for a tissue.

"Well, sit ... sit down", she said. In her cheeks, her chin, her eyes, Shraga Sztayer saw her mother. Despite the years, the resemblance stayed.

He sat down. Rita turned to the stove, preoccupied — even annoyed, he thought. Nathan Rubin drew back a chair and set his mass into it, spreading his thighs and dropping his hands between them.

"A miserable day", Shraga Sztayer said, again looking for conversation.

Rita, turning over two fish fillets in the saucepan, nodded weakly. "It's a miserable day all right." Nathan bit his lip and sighed. Outside, behind him, a shrub of tall hydrangeas struck against the window. The rain continued to fall. Shraga Sztayer had seldom seen his son-in-law so pensive and untalkative. He saw his own coming as a mistake, wondered again how he might set about his purpose, and remembered with a jolt Barfuss' words and wondered for the first time whether the publisher might not in fact have been right.

"You might as well stay for dinner", Rita said, not looking at him.

Shraga Sztayer wavered. "No, no, I didn't intend to stay. But a cup of tea I will have."

Nathan Rubin stood up. "I'll make it, darling", he said to Rita. Then setting the kettle upon the flame, he bent over Rita — he was enormous against her — and said in his deep ripe voice, "Can I help with anything else?"

Pursing her lips, Rita shook her head and squeezed his hand. Nathan remained standing beside her as she prepared the salad.

Shraga Sztayer felt himself an intruder. Such affection between them he had not yet seen. Such affection towards himself, Rita his daughter had never shown. And he wondered vaguely how they had acquired what to him had been so unsuspected. Uncomfortable he rooted about the room. He smelt the fish, tasted the garlic, and his gaze came to rest upon Nathan's briefcase leaning against the buffet.

"Tell me, Nathan", he said, looking squarely at his son-in-law and sensing here the cue to his own purpose. "How is your book coming on?"

He expected Nathan Rubin to become the lecturer again, ready to thrust himself forward in a delivery of sound. But Nathan merely turned to switch off the gas.

"My book?", he said. He seemed distracted. "Its day will come. Besides ... it's not the most important thing."

Three months earlier, when setting out upon editing his papers for inclusion in a text, he had been effusive, exuberant, almost arrogant. "Biology pro-

vides insights that other disciplines never can", he had said. "That is what my book's about." Now the fire was gone.

"It's not going too well then", Shraga Sztayer said with what almost sounded like satisfaction.

"Biology can explain, elucidate", Nathan Rubin said, pouring water over the tea-bag in the cup. "But it makes disappointment no more bearable or less painful."

"That's what **I've** always believed", Shraga Sztayer said and wondered whether Nathan Rubin, the encrusted academic might be turning to his own view.

Nathan placed the cup in front of Shraga Sztayer and offered him sugar and milk. He remained standing. Rita tossed the salad and rinsed her hands.

"You're sure you won't eat with us?", she asked, her tone weary, subdued.

"I'm sure, I'm sure." Then in a burst, he came out with it. "I wanted to tell you. My own book is ready. Yiddish poems. Fifty of them. I'm calling them 'In Dust We Fade', and intend to publish them myself.

He had hoped they might be less cool.

"That's nice", Rita said, reaching into the cupboard for plates.

"May it be in a good hour", Nathan Rubin added. His heavy black brows were knit and he showed the flickerings of a smile. "About the War? Auschwitz?"

Shraga Sztayer nodded. "And some very personal poems", he said. Barfuss, he remembered, had called them beautiful, but empty, abstract, remote. The publisher hounded him.

Rita prepared to set the table. She drew a deep breath. "Nathan, will you please bring in a tablecloth?"

Nathan Rubin, nodding, left the kitchen and walked down the hallway where he opened a cupboard and rummaged about the shelves.

Shraga Sztayer, recognising opportunity, sat upright. He had Rita on her own. He looked at her. The face, though serious, was still beautiful, as it had always been. It was also a little mellower than in former years. The cheeks were high but fuller, the lips softer, the chin rounder. Only her eyes seemed different, having gathered dark, duskier rings that even recently had not been there. It occurred to him fleetingly that she may have been crying. He stood up. He thought briefly, bitterly about his manuscript waiting to see the light. He remembered again the fifteen-year-old girl blowing down her nose, remembered Esther whose life had been suffocated out of her, remembered the years he had spent alone. And he saw now how Rita had matured, in a way he had not expected. Rita, the schoolgirl, the student, the orphan was a woman now and, in a distantly familiar way, he felt distinctly proud.

He walked over to her. She had her back turned to him again as she placed the food on the plates. In the hallway, Nathan had found the tablecloth and was lifting it out of the cupboard. He remembered his poems, the anguished creations of his loneliness. "God, give me strength", he prayed. "If not now..."

"Rita", he said.

He reached out to touch.

At the sound of her name, Rita's shoulders quivered and her head shook. Suddenly, Shraga Sztayer couldn't understand. She was sobbing.

He turned her towards him. He saw her face in a pained grimace, her hands tearing at a tissue. "Father, Father", she said, "I didn't want to tell you — why should you be troubled too? But I must, I can't help it. Nathan, too, is terribly upset. I've been having tests, three months now, and Dr. Gelbert told me the results this morning. It's been such a miserable day. Father, oh my God, do you know what it means to find out you're ... you're sterile?"

In her grief, he felt her come close. She fell upon his shoulders. She smelt of celery and faintly of chives. Behind her, against the black sky, he saw the pages of his manuscript fall apart and scatter and all his labours — the careful words, the polished phrases, his anguish over death and Auschwitz — come to nought. Whether it still rained, he couldn't tell. The wind blew hard and he heard the hydrangeas beating against the window. He felt the taste of dust on his tongue as more than she to him he clung to her.

"Rita, my daughter", he said touching her hair, her cheeks, her shoulders, "my child. Oh God, my God, how well I understand."

---

*Book Review (1)*

# A WINDOW TO THE INEFFABLE

**A review of Michele Nayman's short stories *faces you can't find again* (1980) and poems *What You Love You Are* (1977). (Both released by Neptune Press)**

**by Anne Wroby**

Mostly young, not youthful, Michele Nayman's characters, bare-faced, passively confront us. Peter, Brenda, Laurie and Gideon are among them. They are all strangers to their world, paradoxically sharing familiar strains and expressions, internalized and externalized, of disillusion, anguished disappointment, premature fatigue, loneliness, crisis and suffocation. These people are real and alone, barometers of a modern consciousness faithfully recorded in Miss Nayman's collection of short stories, *faces you can't find again.* The stories are not superficial creations representing observations from the diary of an unsympathetic sociologist. Nor are they well-worn symbolic statements or dry metaphoric formulas. Simply and seriously effective they are tales told from the inside: tales of people searching for life often impotently trapped into accepting its substitutions, whether it be in escapist drug taking, unsuitable sexual relationships, psychotic self-pitying rebellion or isolated hermitage. We may or may not recognize their names and echoing voices; we may or may not wish to understand them, but we do nevertheless identify with and are touched by them. If some of the dialogue seems stereotyped and cliched that is because what is being experienced is truly as meaningless as it is cliched. Peter is resigned to non-productive despair

and says of himself, "I am a B-grade movie-script". We first meet Peter appropriately enough to his condition down on the floor. Another story — a synopsis of a woman's life, we are not told her name and of course it does not matter — is fittingly titled *Cliched Story,* because that is what it appears to be and is for that narrator. These people in growing older have lost their dignity and self respect and most of the time they shamefully plod through life uninspired, presumably till death chooses them. Carol in *Story of a Marriage* is resigned to a carefree life, she knows the risks but still persists. "Carol dies before she turns forty-seven. Doctors have warned her that she must lose weight, that the strain on her heart is too great. Carol in her characteristic way makes no attempt to change her habits." Does Carol willingly choose death?

This spiritual destructive lethargy is inevitable as it is endemic of Western communities. It infects the air of the cafe's in Melbourne, the streets of New Orleans, the often travelled alleyways of the corners of life of "somewhere city". Its catalystic movements shockingly permeate little Damien's and Sebastian's hearts, and they are only children. — "The two boys looked at each other, without speaking, for some time. 'I wish daddy did love mummy,' said Damien quietly, 'I wish he did'." The story is titled *Beginnings.* Not all Miss Nayman's characters remain lost to the world. Some are reassured by their own inner strengths, others by the love of their friends and family at home. *Faces you can't find again* builds on emotional depth and intensity rather than scale, and displays an admirable tightness to good effect.

The poems *What You Love You Are* by its very title suggests a sentimental turn around from the short stories. Indeed some of the poems are sentimental and of vogueish nature and inspiration but despite this their sincerity is still in key. Liek the short stories the poems are free flowing exercises in thought and feeling of an almost painterly tradition where realism is her vocation. Stylishly readable it is disappointing to find a number of the poems suffering from ordinariness and over-ambiguous directions which can often be disconcerting for the reader. Mostly based on imagery of lasting impressions, the poet's distinctive mark of creative and thematic concerns and lessons in good sense make this diversified collection an essentially worthwhile pleasing reading experience.

by Anne Wroby.

---

*Book Review (2)*

# A MELBOURNIAN MINI-SAGA

A review of "Thousands of Years through the Eyes of a Child" by Yetta Rothberg (Foundation for Australian Literary Studies)

**by S. L.**

Pleasure is always gained at the emergence into light of a work that depicts familiar landmarks which time has endowed with special significance. Carlton, in Melbourne, was for three or four decades following the 1920s the local version, albeit on a scale manifold reduced, of the lower East Side of turn-of-the-century New York in the sense that it was the focal point upon which Jewish migrants from Eastern Europe converged, sank their first roots, made good — or foundered — before moving on to the "better" suburbs to the south and the east of the city. It was a milieu still too scantily described or incorporated into local writings although Pinchas Goldhar and Herz Bergner (both in Yiddish) have done so as have Sam Lipski and Arnold Zable in brief evocative memoirs published in "The Bulletin" (January 1966) and the "Melbourne Chronicle" (September-October 1977) respectively.

Carlton — particularly that section of Drummond Street cramped between Faraday and Elgin Streets — and later St. Kilda form the settings of Yetta Rothberg's novella "Thousands of Years through the Eyes of a Child".

The narrative, although told in the third person, in its precision of geographic and architectural detail and intimacy of feeling, reads like a highly personalised memoir told by the chief protagonist, Deborah. In sharp, sometimes lyrical, often imaginatively tingling prose, the novella tells of a family — father, mother and six children — living, struggling, growing, developing in Melbourne. There is fortitude, frustration, isolation, death, intra-family conflict and, with time, the disintegration of the family as a cohesive unit.

What begins as a potentially happy memoir filled with the promise inherent in childhood evolves by story's end into a muted bitterness and a haunting question: "What was the purpose of the exercise?" — the exercise of struggle, effort, rancour, hope. The stages are barely perceptible, the impact therefore of the end being the more potent when this realisation dawns. The writing is compressed, perhaps too compressed for all that is contained within the story. Only Deborah, her brother Max and the peripheral Ella are given names. The other characters, despite the occasional insights offered into them, remain shadowy and intangible. One asks that they be given more flesh and complexion and psyche. Also allusion too often predominates over demonstration, leaving effects that are cryptic and elusive. One begs for more substance in the depiction of brothers' quarrels, for the stages, however briefly described, of the eldest brother's separation from the concrete world, presumably into insanity, for more interaction between the many members of the family which must have been the stuff of reality.

The novella offers tantalising glimpses of what could be a vast canvas, or, to modify the metaphor, it is a scaffold upon which a magnificent concrete narrative edifice could be constructed without any of the lyricism, imagery and sensitivity being diluted.

The story is delicately and aptly illustrated by Mary Hammond.

Complementing the novella is a shorter slighter anecdotal story "The Great Wall, or Waiting for Hank!", telling of a woman's adventure on a sight-seeing trip in China. Readable though it is and at times vividly pictorial, by its very nature, it does not probe as deeply and as feelingly as the preceding family mini-saga.

## State Zionist Council of Victoria

invites the community to celebrate

# ISRAEL'S 33rd ANNIVERSARY

**on Sunday, 3rd May 1981 at 7.45 p.m.**

**at the Palais Theatre, St. Kilda**

**GUEST OF HONOUR**
**The Prime Minister of Australia**
**THE RT. HON. J. M. FRASER**

**In the presence of**
**The Ambassador of Israel**
**H.E. Mr. AVRAHAM KIDRON**

GUEST ARTIST
SHIMON FARKAS
who will thrill you with his magnificent voice

COMBINED ZIONIST YOUTH MOVEMENTS DANCING GROUP AND CHOIR TOGETHER WITH REPRESENTATIVES FROM JEWISH DAY SCHOOLS

**Tickets available from 12th April**
**BALBERYSZSKI'S**
**98 Acland Street, St. Kilda**
**ISRAEL SHOP**
**185a Carlisle Street, Balaclava**

---

1943 — — 1981

## כ״ז ניסן תשמ״א

## יום השואה והגבורה

# טרויער אַקאַדעמיע

צום 38־טן יאָרטאָג פון אויפשטאַנד
אין וואַרשעווער געטאָ
און יזכור נאָך די 6 מיליאָן יידישע מאַרטירער
אומגעבראַכטע דורך די נאַצים

**דאָנערשטיק, דעם 30טן אַפּריל 1981,**
**8 אָוונט**
**אין מעלבורנער טאַון־האָל** (סיטי)

רעדנער: **דר. מ. פערשטענדיק**
(יידיש)

**הרב ברייען ד. פאָקס**
סידנעי — (ענגליש)

**חזן מ. נאור**

אָרגאַניזירט דורכן ראַט
פון יידישע פאָרשטייער אין וויקטאָריע
ציוניסטישער ראַט אין וויקטאָריע
פאַרטיזאַנער און קאַצעטלער־פאַרבאַנד
יידישע נאַציאָנאַלע ביבליאָטעק „קדימה"
און אַלע אָנגעשלאָסענע אין ראַט
אָרגאַניזאַציעס.

---

**די הזכרה ביים קדושים־מאָנומענט**
(קאַרלטאָנער בית עולם)
**זונטיק, דעם 3טן מאַי 1981, 11 פרי**

די יידישע ראַדיאָ־אוידיציעס ווערן אַנגעפירט פון מיטגלידער פון „קדימה"־עקזעקוטיוו. ס'וועט זיין אויפן אָרט דאָ צו דערמאָנען, אַז די „קדימה" איז געווען די, וועלכע האָט גענומען אויף זיך די איניציאַטיוו אויסצופועלן א יידישע ראַדיאָ־אוידיציע, וועלכע איז אויסגעברייטערט געוואָרן צו פיר מאָל אין דער וואָך.

דער אָפּטרעטנדיקער קאָמיטעט האָט שוין געמאַכט באַמיאונגען איינצושטעלן אַ קאָנטאַקט מיט קינסטלער פון אויסלאַנד, כדי זיי זאָלן זיך באַטייליקן אין די יובל־פייערונגען פון 70 יאָר „קדימה", וואָס פאַלן אויס היי־יאָר. צו דעם צוועק איז אויסגעוויילט געוואָרן אַ ספּעציעלע קאָמיסיע (פאַרז. פר' קרישטאַל) און אַן אַרבעטס־פּלאַן איז ברייט דיסקוטירט געוואָרן.

דער שאַך־קלוב ביי דער „קדימה" אנטוויקלט זיך גוט, און דער פּרעסטיזש פון קלוב איז באַדייטנדיק געוואַקסן.

דער „הזמיר"־כאָר האָט פאַרשטאַרקט זיין טעטיקייט, דורך אריינבאַקומען עטלעכע נייע זינגער, פון צווישן די יידיש־רוסישע אימיגראַנטן. דער כאָר באַשיינט אונדזערע אונטערנעמונגען מיט זיינע אַרויסטריטן און איז אַ וויכטיקער צווייג פון אונדזער קולטור־טעטיקייט.

צווישן די אָנגעמערקטע פּראָיעקטן דאַרף אויך דערמאָנט ווערן, אַז די „קדימה"־עקזעקוטיוו האָט זיך פּאָזיטיוו אָפּגערופן אויף דער אָנקעטע פון דער קאָמיסיע ביים „באָאַרד אָף דעפּיוטיס" וואָס באַשעפטיקט זיך מיט אָפּהיטן דער יידישער פאַרגאַנגענהייט (ירושה־קאָמיסיע) וועגן אויפשטעלן אַ פּערמאַנענטע געטאָ־אויסשטעלונג.

★

די יערלעכע אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג איז פאָרגעקומען מיטוואָך דעם 25־טן מערץ ה. י. אין לעאָ פינק זאַל פון „קדימה".

תמיד זענען דאָ זייטיקע פּראָבלעמען, וועלכע ווערן צופעליק דער הויך־פּונקט פון דער אַלגעמיינער דיסקוסיע. דאָס יאָר איז עס געווען די קריטיק, וועלכע ס'איז דערשינען אין די „מעלבורנער בלעטער" וועגן דער ראַדיאָ אוידיציע פון דער יוגנט און די רעאַקציע פון דער יוגנט, ווי אויך פון אַנדערע מיטגלידער פון „קדימה".

נאָך דער דיסקוסיע איז אויסגעוויילט געוואָרן אַ קאָמיטעט פון 21 פּערזאָן, לויטן א"ב:

מ. אייזענבוד; י. אַרבאַך; ר. בוטלינסקי; ר. בלושטיין; ח. בראַון; ל. גאָטליב; אַ. דאַפנער; ב. ווינער; י.ווינקלער; מ. זילבערמאַן; מ. טאַפּיאַל; וו.יאַבלאָנסקי; ר. לעוויטאַ; פ. קרישטאַל; מ. ראַבינאָוויטש; ה. ראָזענבאַום; אַ. ראָזענבלום; ט. ראָזענבלום; פ. רינגעלבלום; י. שער; ח.שטייער.

אין די נאָענטסטע טעג וועט פאָרקומען די קאָנסטיטואירונג און ס'וועט אויסגעוויילט ווערן די עקזעקוטיוו.

# אין אונדזער סביבה

דער אָוונט לכבוד דעם פּאָעט יוסף פּאַפּיערניקאָוו, וועלכער איז פאָרגעקומען דעם 22טן פעברואַר ה. י. אין לעאָ פינק־זאַל פון „קדימה" האָט צוגעצויגן אַ גרויסן עולם.

וועגן דיכטער האָבן גערעדט: ב. ווינער: „י. פּאַפּיערניקאָוו — דער קעמפער פאַר יידיש"; מ. אייזענבוד: ליטעראַרישע אָפּשאַצונג. רעציטירט פון פּאַפּיערניקאָווס ווערק האָבן: רחל בעקער; דאַניעל גריפּענבערג; דוד רינגעלבלום. לידער האָט געזונגען דעני קליינמאַן, פּיאַנאָ־באַגלייטונג — מרים ראַכלין. דער דיכטער האָט געלייענט פון זיינע כתבים. פאָרזיצער פון אָוונט איז געווען פ. רינגעלבלום.

★

„סאָוויעטנפאַרבאַנד אין די 80־ער יאָרן" — איז געווען די טעמע פון סימפּאָזיום, איינגעאָרדנט דורך דער „קדימה" און דעם קלוב פון די רוסישע יידן „שלום".

אין סימפּאָזיום (זונטיק, דעם 15טן מערץ 1981) האָבן זיך באַטייליקט די פאָרשטייער פון „שלום" מאיר גורעוויטש און באָריס בערעזין. פון „קדימה" — באַנאַ ווינער. אין אַרטיסטישן טייל האָבן אנטיילגענומען די ברידער סטאַריקאָוו.

★

„די געשיכטע פון דער „קדימה" 1911־1961" איז געווען דער טעזיס פון סוזאַן איוואַני, אַדאַנק וועלכן זי האָט באַקומען אַ דיפּלאָם פון מעלבורנער אוניווערסיטעט (בעטשעלאָר אָף אַרטס מיט האָנאָרס). פרוי איוואַני איז אויך די סעקרעטאַרין פון מעלבורנער סטודענטן־פאַראיין. איר טעזיס איז געווען די טעמע פון אַ רעפעראַט, וועלכן זי האָט געהאַלטן ביי דער אויסטראַליש־יידישער היסטאָרישער געזעלשאַפט.

★

מיט אַ צייט צוריק האָט דער רעדאַקטאָר פון „מעלבורן קראָניקל" ד"ר סערזש ליבערמאַן געלייענט אַ רעפעראַט פאַר דער יידישער היסטאָרישער געזעלשאַפט: „70 יאָר יידיש טעאַטער אין מעלבורן".

★

ביי דער שלום עליכם טאָג־שול איז געגרינדעט געוואָרן אַ דערציאונגס־פונדאַציע אַדאַנק דער ברייטהאַרציקער באַשטייערונג פון יצחק און העלען קאָזלאָווסקי, פון סט. קילדאַ.

די פונדאַציע איז געגרינדעט געוואָרן דורך אַ באַשטייערונג פון 20 טויזנט דאָלאַר. דער איינקונפט וועט באַצאָלן דעם גאַנצן שכר־לימוד פון איין קינד און טיילוויז באַצאָלן פאַר נאָך דריי קינדער, תלמידים פון דער שלום־עליכם־שול, די איינציק־יידיש־שפּראַכיקע טאָג־שול אין אויסטראַליע.

ביי דער שול עקזיסטירט שוין פון פריער אַ פונדאַציע אויפן נאָמען פון יעקב און עטל טריוואַקס, לאַנגיאָריקע טוער פון דער י. ל. פּרץ זונטיק־שול.

# 69־טער טעטיקייט־באַריכט פון „קדימה"

דער צייט־אָפּשניט וואָס נעמט אַרום אונדזער באַריכט — דאָס יאָר 1980 — איז געווען אָנגעלאָדן מיט וויכטיקע פּאָליטישע געשעענישן אין דער וועלט, ספּעציעל אין מיטעלן מזרח. צום גליק האָבן זיי נישט באַדראָט די זיכערקייט פון מדינת ישראל, הגם די מדינה האָט דורכגעמאַכט אינערלעכע פּאָליטישע קריזיסן.

די אַנטוויקלונג פון שלום־אָפּמאַך מיט עגיפּטן איז אַריין אין אַ טעמפּן ווינקל, צוליב די פאַרהאַנדלונגען וועגן אויטאָנאָמיע פאַר די פּאַלעסטינער, אָבער די באַציאונגען צווישן די צוויי לענדער איז געווען א גוטע, די טעראָר־אינצידענטן אין ישראל גופא האָבן זיך נישט פאַרשטאַרקט, אָבער אומשולדיקע קרבנות זענען געפאַלן.

צום באַדויערן האָבן מיר אין פאַרגאַנגענעם יאָר געזען אַ פאַרשטאַרקטע אַנטיסעמיטישע אַקטיוויקייט אין מערב־אייראָפּע, ספּעציעל אין פראַנקרייך. עס איז אָבער דערפרייענדיקט דער פאַקט, וואָס די פראַנצויזישע אינטעלעקטואַלן האָבן שאַרף פּראָטעסטירט קעגן דעם.

אין היגן ישוב איז די „קדימה" די וויכטיקסטע אינסטיטוציע פון יידיש־רעדנדיקע. אונדזערע פאָרשטייער אין „באָאַרד אָף דעפּיוטיס" באַטייליקן זיך אַקטיוו אין די זיצונגען, אויסערן „באָאַרד" זענען זיי אויך אַקטיוו אין די יידישע שולן, הילפס־פאָנד און אַנדערע אינסטיטוציעס.

די „קדימה" האָט 3 דירעקטע פאָרשטייער צום „באָאַרד", דאָס זענען די פריינד: ס. בורשטין; פּ. רינגעלבלום און מ. ראַבינאָוויטש. מיטגלידער פון „קדימה"־קאָמיטעט זענען אויך פאַרטראָטן אין פאַרשידענע קאָמיסיעס ביים „באָאַרד". (פרוי גאָטליב — בילדונג. און פּ. קרישטאַל — ירושה־קאָמיסיע).

צוליב דער פּאָזיציע וואָס די „קדימה" פאַרנעמט אין אונדזער ישוב, האָט דער לאַנד־ראַט פאַר יידיש און יידישער קולטור אויסגעקליבן אַלס פאָרשטייער אין דער עקזעקוטיוו פון „באָאַרד אָף דעפּיוטיס", דעם מיטגליד פון „קדימה"־קאָמיטעט פר' שמחה וואָלסקי. פר' באָנאַ ווינער געוו. פּרעזידענט פון „קדימה" און וויצע־פּאָרזיצער פון וועלט־ראַט פאַר יידיש און יידישער קולטור.

דער אָפּטרעטנדיקער קאָמיטעט האָט פאַר דער צייט פון זיין קאַדענץ צו פאַרצייכענען וויכטיקע דערגרייכונגען.

עס איז אונדז געלונגען — נאָך אַ ריי פריערדיקע פרווון — איינשטעלן אַ נאָענטן און וואַרעמען קאָנטאַקט מיט די יידישע אימיגראַנטן פון רוסלאַנד.

נאָך אייניקע באַראַטונגען איז געגרינדעט געוואָרן דער קלוב „שלום" ביי דער „קדימה". פאָרשטייער פון קלוב נעמען אָנטייל אין די זיצונגען פון „קדימה" און פאָרשטייער פון „קדימה"־קאָמיטעט באַטייליקן זיך אין די זיצונגען פון קלוב „שלום".

דער קלוב „שלום" גיט אַרויס אַ צוויי וואָכן־צייטונג מיטן זעלבן נאָמען (אין דער רוסישער שפּראַך) און פירט אַ פאַרצווייגטע טעטיקייט אין די געביידעס פון דער „קדימה", ווו עס געפינט זיך די ביוראָ און די ביבליאָטעק פון קלוב. אַ צאָל נייע אימיגראַנטן זענען, אַדאַנק דעם קלוב, געוואָרן מיטגלידער פון דער „קדימה".

אין די ראַמען פון דער קולטור־אַרבעט האָט אונדז באַזוכט דער פיינער זינגער עמיל גאָראָוויעץ און געגעבן עטלעכע דערפאָלגרייכע קאָנצערטן.

דער זשורנאַל „מעלבורנער בלעטער" איז דערשינען מיט אַ רייכן מאַטעריאַל און האָט אַ גוטן אָפּרוף אין לאַנד, ווי אויך אין אויסלאַנד, ווו ער ווערט פאַרשפּרייט אין א גרעסערע צאָל עקזעמפּלאַרן.

אַ וויכטיקער אויפטו איז געווען דאָס איינלאַדן קיין מעלבורן דעם לעקטאָר־רעזשיסאָר פון רומעניע, דעם פר' ישראל בערקאָוויטש. אין משך פון 10 וואָכן האָבן מיר געהאַט גוט־באַזוכטע רעפעראַטן, וועלכע זענען געשטאַנען אויף אַ קולטורעל־גייסטיקן ניוואָ.

הגם דער הויפּט־ציל פון זיין באַזוך האָט געדאַרפט זיין איינצושטעלן אַ טעאַטער־פאָרשטעלונג און העלפן צוגרייטן די פייערונגען צום 70 יאָריקן יובל פון דעם „דוד הערמאַן־טעאַטער" זענען אָבער די לעקציעס געווען א ביז גאָר געלונגענער איינטויש. נישט געקוקט אויף די שוועריקייטן, האָט דער טעאַטער־קרייז דורכגעפירט אַ פייערלעכע אַקאַדעמיע אָפּצוצייכענען די דאַטע. אין אַרטיסטישן טייל זענען אויפגעטראָטן די מיטגלידער פון קרייז.

די „קדימה"־ביבליאָטעק האָט זיך דורכן יאָר גוט אַנטוויקלט און ארייַנגעצויגן אַ גרעסערע צאָל שטודירנדיקע יוגנט, וואָס האָט זיך געניטיקט אין ביכער אויף יידישע טעמעס.

די פאַרגרעסערטע צאָל לייענער און די נאָכפראַגע אויף ביכער, צייטונגען און זשורנאַלן, פון וועלכע אונדזער לייען־זאַל האָט אַ רייכן אויסוויל — באַווייזט, אַז די ביבליאָטעק, איר שטודיר־צימער און לייען־זאַל פאַרנעמען אַ וויכטיקן אָרט אין אונדזער קולטור־לעבן.

די ביבליאָטעק ווערט אָנגעפירט פון דער דיפּלאָמירטער ביבליאָטעקאַרין ראָזע בלושטיין.

יידישע פילמען זענען געוואָרן א וויכטיקער באַשטאַנד־טייל פון אונדזער אַרבעט. זיי פאַראינטערעסירן און ברענגען אַריין אין די ווענט פון „קדימה" דעם טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג, וועלכע באַזוכט זעלטן אונדזערע קולטור־אונטערנעמונגען. דער קאָמיטעט האָט זיך באַמיט איינצושאַפן די נייעסטע יידישע פילמען, וועלכע זענען דאָ צו באַקומען.

פאָרשטייער פון „קדימה"־קאָמיטעט האָבן זיך אַקטיוו באַטייליקט אין אָרגאַניזירן, און אין דער אַרבעט פון דער קולטור־קאָנפערענץ, צוזאַמען מיטן לאַנד־ראַט פאַר יידיש און יידישער קולטור, וועלכע איז פאָרגעקומען דעם 10־טן און 11־טן מאַי 1980.

טיקע יידישע אימפּרעזעס, ווי חג העצמאות, געטאָ־פּייערונגען, קולטור־פֿאַראַנשטאַלטונגען או״ו.

אַ וויכטיקע געשעעניש פֿאַרן כאָר איז געווען די איינלאַדונג אויפֿצוטרעטן אויף אַ קאָנצערט אינעם סידנעי טאַון האַל, אונטער דער דירעקציע פֿון באַרימטן קאָמפּאָזיטאָר פֿעליקס ווערדער.

דאָס פּובליקום פֿון עטלעכע טויזנט מענטשן האָבן אויפֿגענומען דעם „הזמיר"־כאָר מיט שטייענדיקע אָוואַציעס. צווישן עולם האָט זיך געפֿונען דער פּרעזידענט פֿון דער אויסטראַלישער לייבאָר־פּאַרטיי דר. עוואַט, פּרעמיער־מיניסטער האַראָלד האָלט און אַנדערע פּערזענלעכקייטן, זיי האָבן פֿאַרבעטן דעם כאָר אויף אַן אָוונט ברויט.

זינט דער אַנטשטייאונג פֿון כאָר, איז זיין פּערמאַנענטע פּיאַנאָ באַגלייטערין, סיי אויף פּראָבן און סיי אויף קאָנצערטן די איבערגעגעבענע מרים ראָכלין.

דער כאָר האָט געהאַט גוטע דיריגענטן, מענטשן מיט ענטוזיאַזם, און אַ דאַנק זיי איז דער כאָר געשטאַנען אויף אַ הויכער מדרגה סיי אין דער קינסטלערישער אויספֿירונג און סיי אין צוגעקליבענעם רעפּערטואַר. צווישן זיינע דיריגענטן קאָן מען געפֿינען מוזיקער, ווי: פֿאַרטנאַי; ווערדער; בערלינסקי; קאַלושינער; סעגאַלאָוו. דער איצטיקער דיריגענט איז באַרטאַק.

נאָכן טראַגישן טויט פֿון ברוך קאַלושינער, האָט דער יונגער באַגאַבטער דיריגענט אַדריאַן באַרטאַק איבערגענומען די ליידונג פֿונעם סאָר. אַ מענטש מיט ענערגיע און ברען האָט ער אַריינגעלייגט אַ סך מי און אָנשטרענגונג, כדי אויסשולן דעם סאָר.

דער „הזמיר"־כאָר ווערט איינגעלאַדן צו יידישע און אַלגעמיינע אימפּרעזעס; אויף עטנישע ראַדיאָ פּראָגראַמען; פֿעסטיוואַלן פֿון „געזאַנג פֿון אַלע פֿעלקער", צום ישראל געזאַנג־פֿעסטיוואַל אין 1979. אויף דער עלפֿטער „זמריה" האָט „הזמיר" געשיקט קיין ישראל אַ באַדייטנדיקע דעלעגאַציע פֿון 23 כאָריסטן, וועלכע האָט זיך באַמיט צו רעפּרעזענטירן אַ רייכן פּראָגראַם. טראָץ דעם וואָס עס האָבן אָנטיילגענומען כאָרן פֿון 21 לענדער, אַריינרעכענענדיק ישראל־כאָרן, האָט „הזמיר" זיך אויסגעצייכנט מיט זיין אייגנאַרטיקן אופֿן פֿון זינגען און דעם צוגעקליבענעם רעפּערטואַר..

ספּעציעל איינדרוקספֿול זענען געווען די אויפֿטריטן אין פֿאַרשידענע קיבוצים פֿאַר וועטעראַנען ווי אויך פֿאַרן צווייטן און דריטן דור. עס איז פֿאָרגעקומען אַ קאָנצערט אין ירושלים אינעם גרויסן זאַל פֿון „בנין האומה", ווי אויך אין „היכל התרבות" אין תל־אביב, וווּ דער עולם האָט מיטגעזונגען מיטן כאָר האַרציקע יידישע פֿאָלקסלידער.

דער דערפֿאָלג פֿונעם „הזמיר"־כאָר אויפֿן פֿעסטיוואַל אין מדינת ישראל האָט צוגעגעבן מוט און איבערצייגונג פֿאַר די כאָריסטן, ווי נוצלעך און וויכטיק עס איז זייער אָנשטרענגונג אויף די רעגולערע פּראָבן פֿון כאָר.

דורך די 35 יאָר פֿונעם כאָרס עקזיסטענץ זענען דורכגעמאַכט געוואָרן אַ רייע טראַנספֿאָרמאַציעס און רעאָרגאַניזאַציעס. יעדער נייער דיריגענט האָט איינגעפֿירט זיינע אידייען; זיין אינטערפּרעטאַציע פֿון זינגען פֿאַרשיידענע לידער און דערמיט באַרייכערט די קוואַליטעט פֿון ליד און רעפּערטואַר. די לידער האָט דער כאָר גענומען סיי פֿון יידישע פֿאָלקס־אוצרות און סיי פֿון קלאַסישן רעפּערטואַר. דער כאָר איז געווען דערפֿאָלגרייך אַ דאַנק די גוטע סאָליסטן, ווערטפֿולע כוחות פֿון פּוילישע און רוסישע עמיגראַנטן וועלכע האָבן צוגעגעבן פּרעסטיזש פֿאַרן יידישן ליד.

בלעטערנדיק דעם אַרכיוו פֿון כאָר, געפֿינט מען אַלטע פּראָגראַמען פֿון די יערלעכע „הזמיר"־קאָנצערטן. אין 1961 האָט דער כאָר געהייסן „יידישע פֿילהאַרמאָנישע געזעלשאַפֿט". דער קאָנצערט איז פֿאָרגעקומען אינעם גרויסן זאַל פֿון מעלבורנער אוניווערסיטעט. דער דיריגענט איז דאַן געווען דער פֿראַנצויזיש־יידישער קאָמפּאָזיטאָר פֿון פּאַריז זשאַק בערלינסקי.

דער פּראָגראַם איז באַשטאַנען פֿון קלאַסישע און יידישע לידער. סאָליסטן זענען געווען: סטען בערקאָף; דעני קליימאַן; מעקס יעדוואַב; רחל פּאָדעמסקי; סילוויאַ פּאָרטעק; סטיוו גאָלדבערג און פּנחס אָרבאַך ע״ה. אין אַ פּראָגראַם פֿון 1948 זענען פֿאַראַן נעמען פֿון מענטשן, וועלכע זענען שוין לאַנג אַוועק אין דער אייביקייט. דאָס זענען: מ. סענדערס, ה. גראָוועס א״אַ.

דיריגענט איז דאַן געווען הענרי פּאַרטנאָי. דער קאָנצערט איז פֿאָרגעקומען אין דער „קדימה"־געביידע אין קאַרלטאָן, און דער זאַל איז געווען איבערפֿולט. אינעם רעפּערטואַר זענען געווען שאַפֿונגען פֿון י. גאָלדפֿאַדען; יהודה הלוי; רייזען; הירש גליקס לידער און אַנדערע יידישע קאָמפּאָזיציעס.

דער כאָר איז ביים היינטיקן טאָג אין אַ גינסטיקער לאַגע. במשך פֿון זיין עקזיסטענץ האָט ער געהאַט איבערגעגעבענע מענטשן. ער האָט צו זיין דיספּאָזיציע דעם לאָקאַל פֿון קאָמונאַל האָל ביי דער טורעק סינאַגאָגע און די פֿינאַנסיעלע אונטערשטיצונג פֿון „קדימה".

צום דערפֿאָלג און אַנטוויקלונג פֿונעם כאָר האָבן ביי געטראָגן די סעקרעטאַרן, וועלכע האָבן אַריינגעלייגט פֿיל מי, כוח און צייט, ווי צ.ב. דער ערשטער סעקרעטאַר פּר׳ א. גאָלדבערג. מייק גיליגיטש, שלום פּעלל, וועלכער איז געווען סעקרעטאַר 15 יאָר. איצט איז ער וויצע־פּרעזידענט, זיין פֿרוי סעלי פּעלל פֿאַרנעמט אַ גאָר וויכטיקע פּאָזיציע אין דער אַדמיניסטראַציע פֿון כאָר אַלס ענערגישע סעקרעטאַרין. לאַנגיאָריקער פֿאָרזיצער פֿון כאָר איז פּר׳ ח. גאָלדבערג.

די מיטגלידער פֿון כאָר, וועלכע טוען זייער אַרבעט פֿרייוויליק, זענען איבערצייגט, אַז דער כאָר פֿאַרנעמט אַ וויכטיקע געזעלשאַפֿטלעכע פּאָזיציע אין היגן יידישן לעבן און דעריבער איז ווערט די אָנשטרענגונג פֿון נאָכאַנאַנד איבן, איינחזרן און באַרייכערן דעם פּראָגראַם פֿון כאָר, וואָס באַשטייט פֿון יידישע, העברעאישער און ענגלישע לידער.

שמואל בענעט

# 35 יאָר „הזמיר״־כאָר




צוזאַמען מיטן יובל פון דער עלטסטער יידישער קולטור־אינסטיטוציע אין אויסטראַליע, די „קדימה״, פייערן מיר אויך דעם יובל פון אַ צווייטער באַוווּסטער אינסטיטוציע אין יידישן מעלבורן, דאָס איז דער „הזמיר״־כאָר.

אַפילו אין אַמעריקע מיט איר מיליאָניקער יידישער באַפעלקערונג זענען קוים פאַראַן עטלעכע יידישע כאָרן, וועלכע ראַנגלען זיך פאַר זייער עקזיסטענץ. מען קאָן זיך דעריבער פאָרשטעלן, ווי דאָס יידישע מעלבורן איז שטאָלץ מיטן „הזמיר״־כאָר, וועלכער פייערט הייײַאָר זיין יובל.

מיט 35 יאָר צוריק, האָבן אַ גרופּע ענטוזיאַסטן פון יידיש געזאַנג און מוזיק אינספּירירט דורך מר. מ. סענדערס, געגרינדעט דעם מעלבורנער מענער כאָר. די דאַטע איז אַ היסטאָרישע געשעעניש אין יידישן מעלבורן. דער כאָר איז געווען מזלדיק, ווייל ס'איז געלונגען צו אַנגאַזשירן דיריגענטן, מוזיקער־קינסטלער, פון אַ הויכן ניוואָ, מיט אייראָפּעאישער דערפאַרונג. שפּעטער, ווען דער כאָר האָט זיך אַנטוויקלט, און איז געוואָרן פּאָפּולער, איז ער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ געמישטן כאָר. דאָס האָט צוגעגעבן צום סטאַנדאַרט פון מוזיקאַלישן רעפּערטואַר, סיי און קוואַליטעט און סיי קוואַנטיטאַטיוו.

דער כאָר, ווי יעדע יידישע קולטור־אָרגאַניזאַציע האָט דורכגעמאַכט פאַרשידענע עטאַפּן; זיך געראַנגלט מיט פּראָבלעמען, טעכנישע, מאַטעריעלע און אָרגאַניזאַציאָנעלע.

די גרופּע פּיאָנערן פון „הזמיר״־כאָר — אַלע איבערגעגעבענע קולטור־טוער — האָבן געהאַט פאַר זיך גרויסע שוועריקייטן, אַנהויבנדיק פון ווערבירן מענטשן פאַרן כאָר מיט מוזיקאַלישער דערפאַרונג אָדער טאַלאַנט. אין 1947, ווען דער כאָר איז געגרינדעט געוואָרן, ד״ה באַלד נאָכן קריג, האָבן ניי־געקומענע יידן זיך געמאַטערט מיטן עול פרנסה, זיך איינצואָרדענען, צו געפינען אַ דאַך איבערן קאָפּ, אויסלערנען די לאַנד שפּראַך.

קלאָר איז: אַז די באַדינגונגען זענען נישט געווען קיין לייכטע, אָבער נאָך אַנגעשטרענגטע באַמיאונגען איז געלונגען צו ווערבירן כאָריסטן, וועלכע האָבן אַמאָל, אין דער אַלטער היים געזונגען און כאָרן אָדער שולן.

דער ערשטער דיריגענט איז געווען העניך פאָרטנאָי וועלכער האָט אריינגעלייגט אַ סך ענערגיע און איבערגעגעבנקייט איינצושטעלן דעם כאָר. יעדע וואָך, דינסטיק אָונט פלעגן זיך די כאָריסטן טרעפן און קאָמונאַל האָל ביי דער טורעק־שול, אויף פּראָבן.

ביסלעכוויז האָט דער כאָר באַקומען אָנערקענונג און פּרעסטיזש אין יידישן מעלבורן. אויף די יערלעכע קאָנצערטן זענען געקומען פיינשמעקער פון יידישן ליד און מוזיק. דער ערשטער קאָנצערט איז פאָרגעקומען אין דעם גרויסן זאַל פון מעלבורנער אוניווערסיטעט. מען האָט איינגעלאַדן דעם „הזמיר״־כאָר אויפצוטרעטן אויף וויכ־

אָבער אַ קינד האָט אַ טבע אויסצוּוואַקסן, און דער קאַפּריזנער דיכטער אָדער שרייבער, ווערט ווי אַ קאַפּריזנע געליבטע וועלכע מען מוז אָן אויפהער פּאַשען מיט קאָמפּלימענטן און פאַרזיכערן איר, אַז זי איז די שענסטע, די בעסטע, די באַליבטסטע. אויך דער קאַפּריזנער שרייבער וויל מ'זאָל אים אים נאָכאַנאַנד לויבן, פאַרזיכערן אים, אַז יעדעס וואָרט זיינס טריפט ממש מיט טאַלאַנט; אַז ער איז דער אָריגינעלסטער; אַז נישט פאַר אים און ניט נאָך אים וועט שוין די ליטעראַטור אזעלכעס ניט האָבן. און טאָמער חלילה פאַרפעלט מען עס צו טאָן, ווערט ער אַנגעבלאָזן, ברוגזט זיך. צום גליק אָבער, געהערט ניט פּאַפּיערניקאָוו צו דעם מין שרייבער. ער ווייסט זיין אָרט אין דער ליטעראַטור און ער האָט זיין מאָס.

אַפילו אַ שטילער דיכטער ווי פּאַפּיערניקאָוו קען אַמאָל מער נישט אריבערטראָגן דעם מצב פון אונדזער ליטעראַטור; די ביליקע לויב־געזאַנגען פון נאָך ביליקערע לויבער, וואָס טראָגן אויף זיך די טאַגעס פון אויטאָריטעטן: און זיין פעדער צעבונטעוועט זיך — קעגן אָט דעם צושטאַנד, אפשר גאָר קעגן זיין ווילן — און ער שרייבט אַן אַן עפּיגראַמיש ליד, וואָס לייענט זיך אַזוי:

### פ ר ע ש

וואָס זומפּיקער, וואָס טיפער ס'איז די בלאָטע —
אַלץ העכער איז דאָס גראַגערײַ פון פרעש,
וואָס קוואַקען ביז חלשות, פון נודאָטע
און האַלטן פאַר געזאַנג עס, פאַר אַ יש.

און פרעש וואָס שפּיגלען זיך אין בלאָטע־שפּיגלען —
געפינען אויך פאַר זייער זינגען, לויב —
פון „זאַך־קענער" וואָס ווילן זיי באַפליגלען
מיט פליגל, וועלכע הייבן אויף נאָר שטויב...

★

פּאַפּיערניקאָוו געהערט ניט צו דער פּאָעטישער שיטה וואָס פּריידיקט קונסט לשם קונסט. לעבנדיק יאָרצענדליקער אין ישראל, אַ לאַנד וואָס באַצייכנט אירע קינדער ווי סאַברעס, ווו די ערד איז פול מיט שטיינער און מדבר, דער באָדן — אַ האַרטער — אויף אַזאַ באָדן קאָנען נישט אויסוואַקסן צאַרטע, צעפּיעשטשעטע דיכטער.

נישט שטענדיק קאָן מען זינגען סתם, לשמה
לשם געזאַנג פאַר שיינקייט, גלאַנץ און פּראַכט —
די הימלען זענען אויך נישט שטענדיק בלאָ
און סיליכטן נישט קיין שטערן יעדע נאַכט.

**און ער פאַרענדיקט:**

און האַלטן נישט פון מיר — ווייל כ'קאָן לשמה
ווי זיי — נישט זינגען וועגן גלאַנץ און פּראַכט
די הימלען זענען אויך נישט שטענדיק בלאָ
און סיליכטן נישט קיין שטערן יעדע נאַכט.

יאָ, פּאַפּיערניקאָוו איז דער באַזינגער פון מי און פון אַרבעט; פון מענטשלעכער האָרעוואַניע, פון שטיקל ברויט וואָס מ'האָט געזייט אויף אייגענע פעלדער. דאָס איז ביי אים געקומען ווי אַ נאַטירלעכער פאַרלאַנג און אַ נאַטירלעכע אָנרעגונג. עס האָט זיך געזונגען ווי פון זיך אליין — אָבער דער זעלבער דיכטער וואָס זינגט אַזוי פון אַרבעט און נויט — פּראָטעסטירט, ווען מען פּרובירט פאַרוואַנדלען עס אין אַ וועלט־אויסלייזערישער אידיי.

ווי אַ ייד, וואָס איז פאַרבונדן מיט ישראל און מיטן גלות, וואָס האָט אליין געגונג מיטגעמאַכט אין משך פון דרייפערטל יאָרהונדערט, פון די קרבנות וואָס יידן האָבן געגעבן אויפן מזבח פון אַלע רעוואָלוציעס — און ער רופט אויס:

ס'איז ווי צו דעם, וואָס פאָטערלאַנד, איז אים,
די גאַנצע וועלט.
וואָס האַלט פאַר ברידער, שוועסטער — אַלע מענטשן
אויף דער ערד.
עס האָט אַזאַ אפילו נישט קיין אָרט אויף אַ געצעלט
און סיבלייבט אַזאַ־אַ, ווי אַ קול אין מדבר,
נישט דערהערט.

זיין אייגענע, ביטערע, יידישע דערפאַרונג רעדט פון אים אַרויס:

איך זאָג עס סתם אַזוי, צו קיינעם נישט
צו זיך אליין;
עס פאַלן רייד אַמאָל, ווי פּרוכט געריסן פונעם ווינט
אַ מענטש פון „אומעטום", איז אומעטום אויך
ווי אַ שטיין
און הילפלאָז, צום פאַרלוירנגיין אין עלנט
ווי אַ קינד".

★

מיר האָבן היינט אַ פייערלעכן אָוונט צו באַגריסן אַ יידישן דיכטער, וואָס איז, ווי אַ גאַסט — אָנגעקומען צו אונדזערע ברעגן. אין דער היינטיקער, פייערלעכער שטימונג טראָגן מיר אים צו אַ בוקעט פון זיינע אייגענע אָפּגעקליבענע לידער, און וואָס קאָן נאָך זיין נענטער — ווי אַן אייגן ליד, וואָס איז אָפט, ווי דאָס שווייסיקע העמד וואָס קלעפּט צום לייב, אַזוי ליב און טייער.

און דעריבער ווילן מיר פאַרענדיקן מיטן דיכטערס אַ וואָרט:

„ס'אַרט מיר נישט, וואָס כ'האָב די פּערל נישט
געפונען
כ'האָב דערפאַר די טיפעניש דערגרייכט".
און פונדערטיף, דערהויבן און דערהייכט ארויס
צעשטראַלט מיט ליכט פון זיבן זונען".

פון דער טיף איז זיין יידיש ליד און יידיש לשון אַרויסגעקומען צעשטראַלט מיט ליכט פון זיבן זונען און אים אוועקגעשטעלט אין דער פאָדערשטער ריי פון אונדזערע פיינסטע יידישע פּאָעטן.

„די פרעמד בלייבט פרעמד —
אפילו ווען מען טראָגט פון איר אַ זיידן העמד״.

„ווו הפקר לעבט אַן אומה ווי צעשטויבט פון ווינט
אין חורבות בלויז
און רייסן זיך מיט לעבן, פאַר פרייז פון לעצטן
העמד.

„איך קען נישט דאָס לשון מיינס טוישן
אזוי ווי אַ העמד. סיליגט אין בלוט מיר
אין בלוט און אין טרערן.

ווייזט אויס, אַז דער סינאָנים — העמד איז ערגעץ ווו פאַרבונדן אויך מיט היימלאָזיקייט, מיט נע־ונד, מיט אליי־ניקייט — אניט וואָלט דען איציק מאַנגער געשריבן זיין ליד צום ערשטן מאָל, ווען ער איז אָנגעקומען קיין מדינת ישראל:

„כיהאָב זיך יאָרן לאַנג געוואַלגערט אין דער פרעמד,
איצט פאָר איך זיך וואַלגערן אין דער היים,
מיט איין פאָר שיך, איין העמד אויפן לייב,
אין דער האַנט דעם שטעקן, ווי קען איך זיין אָן דעם?

און פונקט ווי מיר זענען דערווייל נישט דערגאַנגען וואָס אַזוינס איז גליק — וועלן מיר וואַרשיינלעך אויך ניט דערגיין: וואָס אַזוינס איז ליבע, פשוט דערפאַר — ווייל: וויפל דיכטער עס זענען אין דער פאַרגאַנגענהייט געווען און זענען דאָ ביז היינט, זינט דער מענטש האָט זיך אויסגעלערנט שרייבן, האָט יעדער דעם באַגריף און געפיל ליבע אַנדערש דעפינירט. יעדע זאַך, וואָס האָט אפשר מער ווי טויזנט אויסטייטשונגען האָט ניט קיין איין אַבסאָלוטע אויסטייטשונג, מ׳זאָל קאָנען אָננעמען, אַז דאָס איז עס. מיר האָבן עס אויך ניט געפונען אין פאַפּיערני־קאָווס לידער.

דערפאַר אָבער האָבן מיר אַדאַנק די פּרווון צו אויסדריקן געפילן פון ליבע געפינען שורות וואָס זענען ריינע פּאָעזיע און אילוסטרירן דעם געלונגענעם פאַרמעסט פון דיכטער.

„כיבין אליין נישט ווייסנדיק ווי לאַנג און ווי אַזוי —
פון הינטן נאָכגעגאַנגען נאָך דער אומבאַקאַנטער פרוי,
געגאַנגען אַ געבונדענער נאָך אירע שוואַנענטריט,
און נאָכגעטראָגן שטענדיק דעם ציטער פון אַ ליד...״
(זייט 31)

אין פאַפּיערניקאָווס לידער געפינען מיר ניט נאָר גוטע פּאָעזיע, נאָר זי ווערט טאַקע גוט פון דער חכמה, מיט וועלכער פאַפּיערניקאָוו באַלעבט די שורות.

### שורות וועגן שטאַרבן:

„אויב נישט פון יענעם האַרטן שלאָף
וואָס בינד אַ מענטשן אָפּ פון דויער
און פאַרבינדט אים מיטן סוף?

### פון אַ צווייט ליד:

מיט בליעכץ וואָס האָט איבער פלויטן אריבערגעבליט
און מיט ענדלאָזע גאָלדענע פעלדער מיט זאַנגען
וואָס וויגן זיך שיכור פון וואַקסן צום שניט...

דאָס איז ממש פּאָעטיש גאָלד פון וועלכער אַ דיכטער ווי פאַפּיערניקאָוו שמידט אויס אַ קרוין פאַר יידיש.

פאַפּיערניקאָוו, און נישט נאָר ער — א סך דיכטער און פּראָזאַיקער אָדער עסייאיסטן ווילן זיך ניט פאַרלאָזן אויפן קריטיקער אָדער אויפן לייענער וואָס וועט זיי פּרו־בירן אויסטייטשן און פאַרשטיין, און ער גיט אונדז דערי־בער דעם שליסל צו זיין ליד.

וואָסיער היימלאַנד — אַזעלכע געזאַנגען,
וואָסיער לעבן — אַזאַ דאָס געמיט;
יעדעס לאַנד גיט איר זינגער די קלאַנגען,
יעדע היים איז דער שליסל צום ליד.

מעגלעך, אַז די היים, ווו פאַפּיערניקאָוו, ווי א יידישער דיכטער האָט קיין האָניק ניט געלעקט, האָט באַאיינפלוסט די לידער זיינע, פון וועלכע עס ווייעט מיט אַ טרויער, אַ בענקשאַפט און אַ שטילן פאַרדרוס, וואָס סיי דער דיכ־טער און סיי דאָס ליד, האָבן ניט באַקומען די אָנערקע־נונג, וואָס עס קומט זיי, כאָטש זיין ליד איז כול מיט געוויין און געזאַנג און ליבשאַפט פאַר פאָלק און פאַרן לאַנד:

### די היים פונעם דיכטער

די היים פונעם דיכטער איז דאָרט ווו מען הערט אים,
און נישט ווו—סיאיז אַפריכטן גלות, באַשערט איט—
ווי מיר איז באַשערט, צווישן אייגענע ברידער
ארומגיין און פילן זיך פרעמד און דערווידער —
פאַר זינגען אויף יידיש (וואָס גרילצט זיי אין אויער)
מיין היימליד פון ליבע, פון פרייד אָדער טרויער.

בדרך כלל איז פאַפּיערניקאָוו אַ דיכטער פון שטילע טענער; אַפילו ווען דער ווייטאָג נעמט אים אַדורך, זענען זיינע לידער געצוימטע, איינגעהאַלטענע, ווי די חורבן־לידער, אָדער לידער וועגן די שכנים, וואָס נעמען נקמה אין אַן אומשולדיקן הונט... עס פעלט זיין ליד דער פּלאַ־קאַטן־טאָן, דאָס שרייענדיקע, דאָס באָמבאַסטישע. ער לעבט שטיל און באַשיידן, און ער ליבט דאָס לאַנד, די סביבה און די מענטשן מיט אַ צאַרטער ליבע, וועלכע רייסט ניט אויף די אויגן. ער געהערט ניט צו די דיכטער, וואָס גייען אַרויס אויף די גאַסן און פויקן אויס זייער פּאַטריאָטיזם: זעט, ווי איך בין פאַרליבט אין לאַנד! זעט ווי איך בין איבערגעגעבן דער אידיי, און ווי יעדער גאַסן־פויקער גייט ער שפּעטער ארום מיטן קאַפּעלוש און זאַמלט איין דעם לוין פאַר זיין פויקעריי...

פאַפּיערניקאָוו האַלט דעם דיכטער פאַר אַ קאַפּריזנע קינד...

„אַ דיכטער איז אַ גרויס קאַפּריזנע קינד,
וואָס איז נישט שטענדיק און יעדן צום פּאַרשטיין.

מ. איזענבוד

# דאָס הײמלאָזע ליד פֿון ותיק

דעם 22טן פעברואַר 1981 האָט די „קדימה״ אײנגעאָרדנט א פײערלעכן אָװנט לכבוד דעם דיכטער יוסף פּאַפּיערניקאָװ. מיר ברענגען דאָ אַ פראַגמענט פון דער ליטעראַרישער אָפּשאַצונג.

רעדאַקציע

יידישע פילאָזאָפיע — אָדער װי יידן באַצייכענען עס פון די גאָר אַלטע צייטן — חקירות, גריבלען זיך — איז געװען געבױט אויפן פּרינציפּ פון אויפבויען, אַנטוויקלען אַ געדאַנק צו אַ געוויסער לאָגישער דעפיניציע און גלייכ־צייטיק מיט איין זאַץ שפּעטער — אָפּוואַרפן דעם זעלבן געדאַנק דורך באַוויזן לאָגיש, ווי אומלאָגיש די פריער־דיקע לאָגיק איז געווען.

פון אָט דעם פילאָזאָפישן גאַנג איז אונדז געבליבן אַ ריי אויסדרוקן און ווערטלעך, מיט וועלכע מען באַנוצט זיך אָפּט.

ווען מיר ווילן, למשל, היינט אַ שמועס טאָן װעגן שאַפן פון דיכטער יוסף פּאַפּיערניקאָוו, טוען מיר אַ זאָג:

— ווילסטו דעם דיכטער קענען, מוזטו אין זיין לאַנד גיין.

איז עס דאָך גוט — אין זעלבן אָטעם אָבער רוקט זיך אונטער אַן אַנדער זאָג, אַז:

— קיינער איז ניט קיין נביא אין זיין אייגענער שטאָט...

הייסט עס — צו וואָס גיין זוכן דעם דיכטער אין זיין לאַנד, אַז סיי ווי איז ער ניט קיין נביא דאָרט און זיין וואָרט איז ניט וואָגיק אין אָרט פון זיין אָפּשטאַמונג. פּאַפּיערניקאָוו אַליין רוקט אונדז אונטער דעם דאָזיקן געדאַנק:

„איך באַזינג זי, מיין היים, נאָר עס הערט נזיך —
די פרעמד
(כיבין דער פרעמד מער באַקאַנט ווי אין אייגענעם
לאַנד)
סיהאָט די פרעמד נאָך דאָס ליד מיינס אַזוי נישט
פאַרשעמט
ווי עס טוט עס מיין היים, ווו איך זינג פאַר דער
וואַנט

(זייט 193).

צום גליק אָבער איז אַ דיכטער, אָדער שרייבער ניט באַגרענעצט צו אַ קאָנקרעטער געאָגראַפישער טעריטאָריע, איז במילא זאָגן מיר זיך אָפּ פוןביידע באַגריפן, וואָס זוכן אָפּצולייקענען איינס דאָס צווייטע און פאַרנעמען זיך אויף דעם דיכטערס טעריטאָריע, און דאָס זענען זיינע ווערק.

דאָ העלפט אונדז דער דיכטער פּאַפּיערניקאָוו אַרויס. ער ווייסט, אַז מיר זענען שוין מער ניט יונג, אַז אונדזער עקספּעדיציע וועט ניט צו ווייט פאַרפאָרן אין זיין צע־שפּרייטער מדינה פון 24 אָדער 25 פּראָווינצן, וואָס עס שטעלן מיט זיך פאָר די ביז איצט דערשינענע ביכער — האָט ער פאַר אונדז אָנגעצייכנט אַ מאַפּע מיר זאָלן ניט דאַרפן קריכן, און זוכן און אפשר אויך פאַרבלאָנדזשען — און אָט די דאָזיקע מאַפּע, די לאַנד־קאַרטע דאָס איז די לידער־זאַמלונג „מיין אַנטאָלאָגיע״ און לויט דער מאַפּע־אַנטאָלאָגיע האָפן מיר צו געפינען דעם וועג — דורכן לאַנד פון דיכטער.

וויסנשאַפטלער און פאָרשער זוכן אָפּט זאַכן וועלכע זענען ניטאָ, נאָר מען האָט וועגן זיי אַן אָנונג — אַז אַזאַ זאַך קאָן זיין, אַז זי איז מעגלעך. דיכטער געהערן אויך צו דער זעלבער קאַטעגאָריע זוכער. דער עיקר וואָס דיכ־טער זוכן זענען די צוויי וויכטיקסטע קאָמפּאָנענטן, באַ־שטאַנד־טיילן פון מענטשנס גייסטיקער וועלט. די צוויי באַשטאַנד־טיילן זענען: ליבע און גליק.

לאָמיר צוערשט פּרוּוון דעפינירן, וואָס אַזוינס ס׳איז גליק, לויט אַ מעשהלע, וואָס איז שוין זייער אַלט. און איך גלויב, אַז איר האָט זי שוין אוודאי געהערט — אָבער אין עטלעכע ווערטער איז עס כדאי איבערצודערציילן:

אין איינער א מדינה איז געווען אַ קעניג — און ווי געוויינטלעך אין אַ מעשה — האָט ער געהאַט א טאָכטער, אַ פּרינצעסין, איז די פּרינצעסין קראַנק געוואָרן, אָט אַזוי: טרויעריק, מעלאַנכאָליש און קיין שום מעדיצין אָדער אַנדערע מיטלען האָבן ניט געהאָלפן, כדי צו ענדערן דעם צושטאַנד. ביז איינער אַן אַלטער כישוף־מאַכער האָט גע־ראַטן, אַז מען זאָל דער פּרינצעסין אָנטאָן אַ העמד פון אַ גליקלעכן מענטשן — דאַן וועט זי געזונט ווערן. האָט מען ארויסגעשיקט רייטער צו געפינען אַזאַ מענטשן. ווען זיי האָבן אים ענדלעך געפונען — האָט ער נישט פאַר־מאָגט קיין העמד אויפן לייב...

עס איז מעגלעך, אַז די סימבאָליק פון אַן אייגן העמד אויפן לייב איז פאַרבונדן מיט אַ געוויסער מיסטעריע, וואָס וואָרצלט אין באַגריף היים, לעבן, גליק — איינגעפונדע־וועטקייט. דער דיכטער פּאַפּיערניקאָוו קערט זיך אום אין אַ גאַנצער ריי לידער, ווו ער נוצט אָט די פאַרגלייכן. איך וועל בלויז ציטירן איניקע שורות פון יעדן ליד:

„סיקלינגען די ווערטער מיר פרעמד
און קאַלט, ווי עס איז אַ מלבוש, ווען סיליב
טראָגט ניט קיין העמד״.

„איך האָב אליין שוין דורכגעוואַנדערט לענדער פיל
און טוטעט
זיך צוגעאייגנט אַלץ וואָס איז געווען מיר ווייט
און פרעמד,
און האָב אין ערגעץ זיך מיט קיינעם, ווי מיט מענטש
דערוועדט
און קאַלט איז מיר געווען אפילו, אויפן לייב
דאָס העמד״

ידישן קאמיטעט איז געווען באשא בערמאן, די פרוי פון אדאלף בערמאן.

די לעצטע טעג פון חודש יולי 1944, האבן די רעשט־לעך פון ווארשעווער יידנטום געווארט מיט אומגעדולד אויפן אריינמארש פון די סאוויעטישע דיוויזיעס קיין ווארשע. אנשטאט סאוויעטישע איינהייטן, האבן זיך באוויזן דעם 1־טן אויגוסט פוילישע סאלדאטן און אפיצירן אויף די גאסן פון ווארשע. אין דעם טאג איז אויסגעבראכן דער אויפשטאנד קעגן די נאציס. די פאלאקן האבן באזעצט א צאל וויכטיקע אינסטיטוציעס, באהערשט גרויסע טיילן פון דער שטאט — מיטן ציל נישט צו דערלאזן די סאוויעטן אדמיניסטראטיוו איבערצונעמען ווארשע.

די סאוויעטישע מיליטערישע אנפירונג, דערוויסנדיק זיך, אז די פוילישע אויפשטענדלער האבן באזעצט א גאנצע רייע אינסטיטוציעס אין דער שטאט, און די פוילישע אונטערערדישע רעגירונג גרייט זיך צו רעגירן — האבן זיי דאן אפגעשטעלט די אפענסיווע צו פארסירן די ווייסל.

אין דער צייט פון פוילישן אויפשטאנד, וועלכער האט געדויערט 2 חדשים, זענען אומגעקומען 200.000 מענטשן, צווישן זיי א צאל יידן. לײדער האבן די רעשטלעך אויסבאהאלטענע יידן פון ווארשע און אומגעגנט נישט דערווארט זיך אויף דער באפרייאונג.

ערשט נאך פינף און א האלבן חודש — דעם 17־טן יאנואר 1945 — האבן די סאוויעטן אריינמארשירט קיין ווארשע און נישט געפונען קיין לעבעדיקן מענטש. דאס זינלאזע ווארטן כמעט א האלבן יאר ביי דער ווייסל — צום איבערגרופירן זייערע דיוויזיעס — האט געגעבן די נאציס גענוג צייט צו פארניכטן די רעשטלעך יידן פון די לאגערן, וועלדער און אויף דער ארישער זייט.

איבער פינף יאר צייט האט דאס אייראפעישע יידנטום זיך געראנגלט פאר אויפהאלטן דאס לעבן אין די געטאס. דער ווילן צום לעבן און קעמפן האט צוגעגעבן מוט, אויסדויער דער פארפאלגטער ידישער באפעלקערונג. צענדליקער טויזנטער האבן זיך געריסן צום קאמף. לײדער האבן זיי נישט געהאט מיט וואס צו קעמפן. אלע נישט־יידישע גרופירונגען האבן באקומען געווער פון די אליאירטע. דאס געווער איז נישט געווארן אויסגענוצט קעגן די נאציס, דאך איז דער צושטייער פון די יידן צו באקעמפן דעם נאציזם געווען א באדייטנדיקער.



## „מעלבורנער בלעטער"

אין „פארווערטס" פון 3טן אויגוסט 1980, האבן מיר באמערקט א נאטיץ פון י. האמער (פסעוודאנים פון א באקאנטן געזעלשאפטלעכן טוער און שרייבער), וועלכע מיר דרוקן איבער.

רעדאקציע

„מעלבורנער בלעטער" איז א גוט־רעדאקטירטער ליטעראריש־געזעלשאפטלעכער זשורנאל, וואס ווערט ארויסגעגעבן פון דער „קדימה" אין מעלבורן. דער זשורנאל האט 32 זייטן אין יידיש און 20 זייטן אין ענגליש. אינעם זשורנאל ווערן מערסטנס געדרוקט ארטיקלען און ליטערארישע שאפונגען פון אויסטראליש־יידישע שרייבערס און קולטור־טוערס, אבער אויך פון שרייבערס אין אנדערע לענדער.

פונעם באריכט „אין, און ארום דער „קדימה", דערוויסן מיר זיך, אז די קולטור־אינסטיטוציע „קדימה" וואס „איר איינציקער ציל איז אויפהאלטן און פארשפרייטן יידישע קולטור", גרייט זיך צו פייערן דעם 70־יאריקן יובילײ פון איר עקזיסטענץ.

לעצטן יאר האט די „קדימה" געהאט דריי געסט פון אויסלאנד: מייק בורשטין, יוסף קערלער און עמיל גאראוועץ.

ביי דער „קדימה" איז פאראן א טעאטער־קרייז אויפן נאמען „דוד הערמאן טעאטער", וואס פירט יעדן יאר אויף גוטע ליטערארישע פיעסן. די גאסט־רעזשיסערן זענען די לעצטע יארן געווען: יעקב ראטבוים פון פוילן און איצט געפינט זיך דארט ישראל בערקאוויטש פון בוקארעשט.

אין א רעדאקציאנעלער נאטיץ אינעם זשורנאל פון אפריל־מאי ווערט איבערגעגעבן, אז אויף די זיצונגען פון „קדימה"־קאמיטעט הערט מען אפט טענות פארוואס די „מעלבורנער בלעטער" שפיגלען נישט אפ דאס יידיש־געזעלשאפטלעכע לעבן אין מעלבורן; אז מיט דעם אינהאלט האט ער געקאנט דערשיינען אין יעדער שטאט אין דער וועלט".

דער רעדאקטאר פארענטפערט זיך, אז די געזעלשאפטלעכע נייעס ווערט אפגעשפיגלט אין דער צייטונג „אויסטראלישע יידישע נייעס" און די אונטערנעמונגען וואס ווערן דורכגעפירט ווערן באזוכט פון א באגרענעצטער צאל מענטשן, נאר פון די ארגאניזאציעס וואס ארגאניזירן זיי.

„בלייבט די פראגע: וואס דארפן מיר אינפארמירן און וועמען קאן אזא אינפארמאציע דינען?" — פרעגט דער רעדאקטאר.

אויב מיר מעגן זיך אריינמישן אין אן אינערלעכער מחלוקה, ווילן מיר דערויף ענטפערן:

ווען א יידישער זשורנאל, אדער א צייטונג פון איין לאנד קומט אן אין אן אנדער לאנד, איז די ערשטע זאך וואס דער לייענער זוכט, — אין צוגאב צו די שאפונגען פון די לאקאלע שרייבערס, — די כראניק פון די דארטיקע קולטור־געזעלשאפטלעכע אקטיוויטעטן. דערפאר וועט איר אפט טרעפן פיל לייענער וואס הייבן אן בלעטערן אזא זשורנאל פון די לעצטע זייטן און נישט פון די ערשטע. דער שרייבער פון די שורות איז איינער פון זיי...

ו. יאַבלאָנסקי

# צום 38־טן יאָרטאָג פון אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ

די ערשטע פייער־פּראָבע האָט די יידישע מיליטערישע אָרגאַניזאַציע אין וואַרשעווער געטאָ אַדורכגעמאַכט אין די טעג פון 18־טן ביזן 23־טן יאַנואַר 1943. די נאַציִשע האָרדעס זענען אַריין אין געטאָ דורך פאַרשידענע פונקטן, מיטן ציל צו ליקווידירן די רעשטלעך פון דער האַלב־מיליאָניקער יידישער באַפעלקערונג. אין די טעג האָבן יידישע קעמפער אַנטקעגנגעשטעלט זיך מיט געווער אין די הענט און נישט געלאָזט זיך פירן קיין טרעבלינקע און פּאָניאַטאָוו צום אומברענגען.

דער אויפשטאַנד פון 19־טן אַפּריל 1943 איז געקומען אומגעריכט פאַר די פוילישע אונטערערדישע אָרגאַניזאַציעס. זיי האָבן נישט געגלייבט, אַז יידישע מענער און פרויען, אויסגעמאַטערטע, פאַרהונגערטע, אָן געווער, וועלן האָבן דעם מוט און דרייסטקייט אָנצוגרייפן די באַטאַליאָנען עס־עס־מענער מיט זייערע פאַרבינדעטע: ליטווינער, לאַטישן און אוקראַינער. אין די ערשטע דריי טעג פון שווערע און בלוטיקע קאַמפן, האָבן די נאַציס געליטן גרויסע פאַרלוסטן אין מענטשן: צענדליקער געהרגעטע, הונדערטער פאַרווונדעטע. די יידישע פאַרלוסטן זענען אויך נישט געווען קיין קליינע.

דערפאַר אָבער האָבן די יידישע קעמפער דערהאַלטן אַ סך געווער, און דאָס האָט זיי דערמעגלעכט צו פירן איבער זעקס וואָכן אַ פאַרטיידיקונגס־קאַמף.

דער וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד האָט געגעבן דעם סיגנאַל אַנדערע געטאָס און לאַגערן אויפצוהייבן די פאָן פון קאַמף קעגן די הענקער פון יידישן פאָלק. דער אויפשטאַנד פון יידישע קעמפער אין פאַרשידענע טיילן פון פוילן אין יאָר 1943 האָט אַרויסגערופן שטוינונג און אָנערקענונג אין דער פרייער וועלט, פאַר די וועלכע האָבן די ערשטע געוואַגט אָנצוגרייפן די נאַציס.

נאָך פאַרן אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ, האָבן מיר אַ מאַסנהאַפטע דערשיינונג פון אַרויסרייסן זיך פון די געטאָס און אָרגאַניזירן זיך אין פאַרטיזאַנער איינהייטן אין פאַרשידענע טיילן פון פוילן. די ערשטע יידישע פאַרטיזאַנער־גרופן האָבן נישט געהאַט קיין געווער. זיי האָבן פון קיינעם נישט באַקומען קיין הילף. געווער און באַשפייזונג איז געוואָרן געשאַפן דורך אויסערגעוויינלעכע אָנשטרענגונגען און קרבנות.

יידישע פאַרטיזאַנער, וועלכע זענען אויפגענומען געוואָרן דורך פוילישע אָדער סאָוויעטישע פאַרטיזאַנער־איינהייטן זענען מערסטנטייל געוואָרן שלעכט באַהאַנדלט, פאַרפאָלגט און נישט זעלטן־פאַרניכטעט. דאַקעגן אין מזרח־פוילן זענען געווען אַ צאָל פאַרטיזאַנער־גרופן, וועלכע זענען באַשטאַנען פון בלויז יידן. זייער אויפגאַבע איז געווען נישט נאָר אָנצוגרייפן די דייטשן; זיי האָבן אויפגענומען אין זייערע איינהייטן יידישע מענער און פרויען, אַנטלאָפענע פון די געטאָס. די יידישע פאַרטיזאַנער־אָפּטיילונגען האָבן אַרויסגעוויזן גרויס זאָרג פאַר די עלטערע מענטשן און קינדער.

צווישן ווילעיקע און מינסק, אין דער געגנט פון די נאַראָטשער וועלדער, האָט זיך געפונען איינע פון די גרעסטע יידישע פאַרטיזאַנער־איינהייטן. איר נאָמען איז געווען „נקמה“. די האָט באַשיצט און דערנערט איבער 400 יידישע מענטשן, די גרעסטע טייל פון זיי האָבן איבערגעלעבט די מלחמה אַדאַנק זייער קאָמאַנדיר באָריס גרין (גריינעמאַן). ער לעבט היינט אין מעלבורן.

די צאָל אָפּגעראַטעוועטע יידן, וועלכע האָבן זיך געפונען אין די וועלדער איז אַ גאַנץ באַדייטנדע. ווען נישט די פיינטלעכע איינשטעלונג פון די פוילישע און רוסישע פאַרטיזאַנער איינהייטן וואָלט די צאָל אָפּגעראַטעוועטע געווען אַ סך אַ גרעסערע.

די פאַרבינדונג פון די יידן אין די געטאָס מיט דער פרייער וועלט, מיט יידישע אָרגאַניזאַציעס, איז געווען אַ מינימאַלע, איינצלנע שליחים פון ארץ ישראל, האָבן מיט גרויס מי אין יאָר 1942 זיך געשמוגלט דורך אונגאַרן, סלאָוואַקיע קיין פוילן, און דורך די טאַטרען (זאַקאָפּאַנע) אַרויסגעפירט אַ צאָל יידן פון קראָקע קיין סלאָוואַקיע, און פון דאָרטן קיין אונגאַרן. ווען ס'איז אַנטשטאַנען די יידישע בריגאַדע אין ארץ ישראל, איז אויך געשאַפן געוואָרן אַ פאַראַשוטיסטן־גרופּע פון 31 פּערזאָן, צווישן זיי — 3 פרויען... די פאַראַשוטיסטן זענען אַראָפּגעוואָרפן געוואָרן אין די אָקופירטע לענדער פון אייראָפּע מיטן ציל צו העלפן די יידן אין די לאַגערן און געטאָס.

לײדער איז אין דער צייט — 1944 — דער גרעסטער טייל יידן שוין געווען פאַרניכטעט. דאָס איינציקע אָרט אין אָקופירטן אייראָפּע ווו יידן האָבן אָנגעהאַלטן אַ קאָנטאַקט מיט יידישע אָרגאַניזאַציעס אין דער פרייער וועלט, איז געווען וואַרשע.

דער אונטערערדישער יידישער קאָמיטעט מיט ד״ר פיינער, בערמאַן, גוזשיק, זענען געווען די איניציאַטאָרן פון שאַפן אַ געמיינזאַמען קאָמיטעט צו העלפן יידן, וועלכע האָבן זיך אויפגעהאַלטן אויף דער אַרישער זייט. די פוילישע דעלעגאַטור (די אונטערערדישע רעגירונג) האָט זיך באַצויגן צו ערשט נעגאַטיוו, און שפּעטער געגעבן איר הסכמה. דער קריפּטאָנים פון דער אָרגאַניזאַציע איז געווען „זשעגאָטאַ“. אַדאַנק דער אַנטשטייאונג פון דער אָרגאַניזאַציע, איז אָנגעקניפּט געוואָרן דורך דער פוילישער דעלעגאַטור אַ ראַדיאָ־פאַרבינדונג מיט יידישע אָרגאַניזאַציעס אין דער פרייער וועלט. דורך דער דעלעגאַטור זענען איבערגעשיקט געוואָרן באַדייטנדע סומעס געלט פון אויסלאַנד, אויסצוהאַלטן די 2000 יידן, וועלכע האָבן זיך אויסבאַהאַלטן ביי פוילישע פאַמיליעס. די פאַרבינדלערין פון די אויסבאַהאַלטענע יידן צו דעם אונטערערדישן

דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, געשריבן טאַקע אין רעוואָלוציאָנערן גייסט אָבער נישט אינעם קאַזיאָנעם „פּראָלעטאַרישן" נוסח. די אַלטע „זעלמעניאַנער" פון פאַר דער רעוואָלוציע ווערן אין אים געשילדערט מיט אַ סך הומאָר, (פאַר וועלכן די סאָוויעטיש־יידישע ליטעראַטור האָט — ווי ניגער זאָגט — ביז דעמאָלט מורא געהאַט). דער נייער „קאָמיוגישער" דור, ווערט געשילדערט אָן העראָיזם, אָן גלאָריפיקאַציע, ווי ס'פאַרלאַנגט דער אָפיציעלער „פּראָלעטאַרישער" צוגאַנג, און אַפילו מיט אַ קליינעם שמייכעלע אויף די ליפּן. דאָס בוך, דערשינען אין יאָר 1931, האָט נישט אַרויסגערופן קיין באַגייסטערונג ביי דער סאָוויעטישער קריטיק. ס'האָט גענומען גאַנצע פיר יאָר ביז ס'איז אַרויס דער צווייטער טייל פון ראָמאַן, וועלכער פאַרמאָגט ווייניקער הומאָריסטישע עלעמענטן ווי דער ערשטער, מחמת דער מחבר האָט זיך געמוזט, זעט אויס, רעכענען מיט אָנווייזונגען און רמזים, כדי זיין ווערק זאָל בכלל דערזען די ליכטיקע שיין.

אין יאָר 1933 איז דערשינען קולבאַקס האַלב־אויטאָביאָגראַפישע סאַטירישע פּאָעמע „דער דיסנער טשיילד האַראָלד", וואָס איז אַן איראָניש־עקספּרעסיאָניסטישע שילדערונג פון בערלין און פון דייטשלאַנד בכלל אין דער צייט ווען דער דיכטער האָט דאָרט געלעבט. אין אָט דעם אייראָפּעישן קולטור־צענטער וואָס בערלין איז געווען אין די ערשטע צוואַנציקער יאָרן דערזעט שוין דעמאָלט קולבאַק דעם באַרבאַריזם, וואָס רוקט זיך אָן און וועט זיך מיט דער צייט פון דער דייטשישער הויפּטשטאָט צעגיסן ווי אַ פייערדיקע לאַווע איבער גאַנץ אייראָפּע. קולבאַק „האָט געזען" — שרייבט חיים בעז אין זיין ברייט־פאַרנעמיקער אָפּהאַנדלונג וועגן דעם דיכטער אין זיין לעצטנס דערשינענעם בוך עסייען: „אויף די וועגן פון דער יידישער ליטעראַטור", פאַרלאַג י. ל. פּרץ, 1980 — „די ווירקלעכקייט אין דייטשלאַנד, וווּ די ווייִמאַר־רעפּובליק האָט בשום אופן נישט געקענט פאַרענטפערן אירע סאָציאַלע סתירות און פּענטען די בונטאַרישע כוחות וואָס זי האָט אַרויסגערופן. געשריבן די פּאָעמע האָט קולבאַק, ווען איבער אייראָפּע איז שוין געפאַלן דער שאָטן פון פאַשיזם און פון האַקנקרייץ". די פּאָעמע איז געשריבן מיט אַ סך פּאָעטישן חן, מיט איראָניע און מיט הומאָר אין בעסטן נוסח פון קולבאַקישן גראָטעסק, וואָס דער דיכטער האָט שוין אַרויסגעוויזן אין זיינע פריערדיקע שאַפונגען.

אין 1936 איז אין מינסקער „שטערן" (אין 3 המשכים) פאַרעפנטלעכט געוואָרן משה קולבאַקס פאָלקלאָריסטיש טעאַטער־שטיק „בויטרע" אין 6 בילדער. די פּיעסע איז אַ יאָר שפּעטער אויפגעפירט געוואָרן דורך דעם יידישן מלוכה־טעאַטער אין מאָסקווע. די פּרעמיערע האָט באַערט מיט זיין אָנוועזנהייט קאַגאַנאָוויטש. גלייך נאָך דער צווייטער פאָרשטעלונג איז אין טעאַטער דערשינען אַ פאָרשטייער פון דער סאָוויעטישער געהיים־פּאָליציי און דערקלערט אַז ס'איז פאַרווערט ווייטער צו שפּילן די פּיעסע און אַז איר מחבר איז אַרעסטירט געוואָרן.

קולבאַק איז פאַרשיקט געוואָרן ערגעץ־וווּ אין דער געגנט פון אוראַל און פאַרשפּאַרט געוואָרן אין אַן אַרבעט־לאַגער, וווּ ער איז — ווי מען רעכנט — אומגעקומען אין אָנהויב פון די פערציקער יאָרן, איינער פון די ערשטע קרבנות פון דעם כרת איבער די יידישע שרייבערס אין ראַטנפאַרבאַנד.

---

משה קולבאַק

## יידישע ווערטער

גענזען האָב איך יידישע ווערטער, ווי פּייערלעך קליינע, ווי
פּייערלעך קליינע,
ווי פונקען געצויגן פון פינצטערן אַרץ.
געפילט האָב איך יידישע ווערטער, ווי טייבעלעך ריינע, ווי
טייבעלעך ריינע,
די טייבעלעך וואָרקען און וואָרקען אין האַרץ...

מ. אייזענבוד

## מיין זעלמעניאַנישן ברודער...

(צום אָנדענק פון משה קולבאַק)

פון סיווע, ווייס־רוסישע לאָנען,
פון כאַטעס מיט שטרויענע דעכער
און זאַמדיקע טראַקן באַשפּרענקלט
מיט ראָסע, אין בלומיקע בעכער,
ביזטו זיך געקומען צושפּאַנען:
אַ זעלמעניאַנישער יאַט
פון די יאַטן;
מיט אַ טשופּרינע, וואָס פול איז מיט ווינטן
און אַ העמדל — אויסגענייט גאָר מיט קווייטן,
און האָפענונגען — ווי צוויט אויף די ביימער,
ווי עס בליען קאַרטאָפל אויף בייטן,
און פאַלקען, און טאַנקען און צאַלקען
ווי טייבעלעך טראַגסטו אין בוזים.
און לידעריש געשטילט האָסט דעם צאָרן
פון יאָרן,
וואָס גייען פאַרלאָרן...
און פעטערס: די אַלטע, באַיאָרטע
אָט די זישעס און איטשעס און יודעס —
אַוועק פון דער וועלט און פאַרגעסן,
צעגאַנגען — ווי שניי צווישן גרודעס.
נאָר ס'האָט זיי דיין פּען
די שילוע —
פאַרקריצט אין לעבן אויף אייביק,
מיט זייערע פּנימער גרויע,
מיט זייער אַ יעטוועדער תנועה.

צעפאַלן זיך דער רעבזע־הויף,
פאַרפוילט די קראַקוועס און די ווייקשאַפט,
און איינינקער אַליין גייסט אויס
אויף נאַרעם פונעם בענקשאַפט,
אויף נאַרעם הילצערנע
פון אי. טע. קאַ. *)
אין זיך אַליין פאַרקליבן:
איז כאָטש נאָך פון דעם רעבזע־הויף
אַ זכר וווּ געבליבן?

אַ, ברודער זעלמעניאַנישער
פון ווייס־רוסישע פליינען —
איך קוויק זיך מיט דיין יעדעס וואָרט,
עס לאָזט קיין אויג ניט וויינען.
און כאָטש שוין צוגעדעקט ביזטו
מיט סיבירער שניי דעם ווייסן —
עס זינגט נאָך אַלץ אין מיר דיין ליד
פון אונדזער היימלאַנד — רייסן...

*) אי. טע. קא. — רוסיש: איספּראַוויטעלני טרודאָוואָי לאַגער — אַרבעטס־לאַגער.

ש. שוויצער

# משה קולבאַק

(פערציק יאָר נאָך זיין טראַגישן טויט)

אין האַרבסט 1916 איז אין די ווילנער „ליטעראַרישע זאַמלהעפטן" I דערשינען אַ ליד פונעם צוואַנציק־יעריקן משה קולבאַק „שטערנדל, שטערנדל, קליינער שטאַפּעטעלע", וואָס זלמן רייזן האָט עס דערנאָך איבערגעדרוקט אין ווילנער „טאָג". דאָס איז געווען דער דעביוט פון משה קולבאַקן אין דער יידישער ליטעראַטור. דאָס ליד איז מיט דער צייט אַריין אין געזאַנג־רעפּערטואַר פון מנחם קיפּניס און איז געוואָרן אַזוי פּאָפּולער, אַז מ'האָט עס געזונגען ווי אַ פאָלקסליד און דער ברייטער עולם האָט אַפילו נישט געוווּסט ווער ס'איז געווען זיין מחבר.

אָנגעהויבן שרייבן האָט דער אין סמאָרגאָן געבוירענער משה קולבאַק, אויף העברעיש און אויף יידיש. שפּעטער איז ער אַריבער אין גאַנצן אויף יידיש.

אין 1920 איז אין פאַרלאַג פון די יידישע ליטעראַטן און זשורנאַליסטן אין ווילנע דערשינען זיין ערשטע קליינע לידער־זאַמלונג א. ט. „שירים". אין זעלבן יאָר איז אין „ווייטער־בוך" (ווילנע) אָפּגעדרוקט געוואָרן זייך פּאָעמע „די שטאָט" ווי אויך די פּאָעמע „יאָסטע דער שמיד".

קולבאַקס ערשטע לידער צייכענען זיך שוין אויס מיט זייער פאָלקסטימלעכקייט און פּשטות, זייער לירישקייט און פאַרחלומטקייט. זיי זענען אויך עדות פון דעם דיכטערס טיפער פאַרוואָרצלטקייט אין דער אַלטער יידישער גייסטיקער ירושה, וואָס ער האָט איינגעזאַפּט אין זיין יוגנט, אין די חדרים און אין די ישיבות פון סוויענציאַן און פון וואָלאָזשין.

די פּאָעמע „די שטאָט" איז אַ ווייטערדיקער שטאַפּל אויף קולבאַקס פּאָעטישן אויפשטייג. קולבאַק ווייזט אין איר שוין אַרויס בולטע סימנים פון אַ מאָדערנעם פּאָעט: שוווּנג, ריטם, בילדער, שפּראַך. ער באַנוצט זיך מיט נייע אויסדרוקן כדי אַרויסצוברענגען נייע איינדרוקן. עס הערן זיך אַרויס פון דער דאָזיקער פּאָעמע (געשריבן אין 1919 אין מינסק, ווו דער דיכטער האָט פאַרבראַכט אַ צייט ביי זיינע עלטערן) די שטימונגען פון דער נייער שטורמישער „רויטער צייט", דער רעוואָלוציאָנערער דראַנג פון דעם יונגן דור, וואָס גרייט זיך אומצואַנדערשן די וועלט און פילט אין זיך דעם כוח דערצו: „און ס'האָבן די גלעקער געקלונגען... / היי, לאָמיר דאָ איבערלאָזן די שוואַכע /. צוגלייך אָבער מיט אָט די בונטאַרישע שטימונגען דריקט דער פילבאַרער דיכטער אויס די מורא פונעם איינזאַמען מענטשן פאַר דער „שטומער, גרויזאַם־שווערער שטאָט", דעם פּחד, דעם אומרו פון יחיד, ווען ס'קומט די נאַכט „און די אינזיכיקייט ציילט די פאַרלאָשענע, גרויע געשרייען".

משה קולבאַק, דער דורכגעזאַפּטער מיט וואָרצלדיקער יידישקייט, האָט כסדר געאַרבעט איבער זיך און געשטרעבט אויסצוברייטערן זיין אַלגעמיינע קולטור. פאָרט ער צו דעם צוועק אַוועק אין 1920 קיין בערלין, האָפנדיק דאָרט אָנגענומען צו ווערן ווי אַ פרייער צוהערער אין אוניווערסיטעט. דאָס איז אים אָבער נישט געלונגען מחמת זיינע קענטענישן אין דייטש זענען נישט געווען קיין גענוגנדיקע. ער פאַרבלייבט דאָך עטלעכע יאָר אין דער דייטשישער הויפּשטאָט, וואָס איז אַ וויכטיקער קולטור־צענטער און ווו ס'זענען אין יענער צייט קאָנצענטרירט געווען אַ היפּש ביסל יידישע שרייבערס און קולטור־עסקנים. פאַר קולבאַקן איז עס אַ געלעגנהייט זיך קולטורעל צו פאַרפולקומען, לעבנדיק אגב אין גרויס דחקות (ער איז אַ צייט סופליאָר אין דער „ווילנער טרופּע" וואָס שפּילט אין בערלין). פון יענער צייט שטאַמען זיינע שאַפונגען: די פּאָעמע „רייסן" („צוקונפט" 1922), די דראַמע „יעקב פראַנק" („צוקונפט" 1923) און דאָס פּראָזעווערק „משיח בן אברהם" (דערשינען אין בערלין אין 1924).

אין דער פּאָעמע „רייסן" איז קולבאַק דערגאַנגען צו אַ נייער מדרגה אין זיין דיכטערישן באַרג־אַרויף מיט זיין וואָרצלדיקער, קערנדיקער, פּרימיטיווער יידישקייט, וואָס ער ברענגט אַרויס אויפן פאָן פון דעם גרויען ליטוויש־רייסישן אַרום אין די געשטאַלטן פון זיין „זיידן, דעם ייד דעם פּשוטן, דעם פּויער מיט אַ פּעלץ און מיט אַ האַק און מיט אַ פערד און זיינע זעכצן פעטערס און זיין טאַטן — יידן פּראָסטע, יידן, ווי די שטיקער ערד". לייענענדיק די אַזוי ווי אויסגעהאַקטע שורות פון דער פּאָעמע, ווערט מען ממש פאַרכליניעט פון דעם רויען פאַרשיכורנדיקן ריח פון פעלד, וואַלד און טייך, וואָס שפּאַרט אַרויס פון זיי און מע דערפילט צוזאַמען מיטן דיכטער אַ שטאַרקע צוגעבונדנקייט צו אָט דעם פּאַסטעראַלן יידישן לעבנסשטייגער פון יענער געגנט, וואָס קולבאַק באַווירצט ערטערווייז מיט תנכישע בילדער און קלאַנגען ווי למשל אין דער סצענע, ווען דער זיידעניו געזעגנט זיך אויף זיין טויטנבעט מיט זיינע בנים און בענטשט זיי מיט די ברכות פון יעקב אָבינו צו די צוועלף שבטים.

קולבאַקס צוזאַמענגעבונדנקייט מיט דער נאַטור איז אויך בולט אין זיין פּראָזעווערק „משיח בן־אפרים", וואָס פאַרמאָגט אַ שפע לירישע מאָטיוון און אויך נישט ווייניק פאַנטאַסטישע און עקספּרעסיאָניסטישע עלעמענטן.

אין 1923 קערט זיך קולבאַק צוריק קיין ווילנע און ווערט דאָרט לערער פון יידישער ליטעראַטור אין די עלטערע קלאַסן פון די יידישע גימנאַזיעס און לעקטאָר אין יידישן לערער־סעמינאַר. ער ווערט גלייך דער ליבלינג נישט נאָר פון זיינע שילערס, נאָר פון דער גאַנצער יידישער יוגנט, פאַר וועמען זיינע רעפעראַטן און זיינע פאָרלייענונגען זענען תמיד אַ יום־טוב. אין 1926 פאַרעפנטלעכט ער (אין „צוקונפט") די לידער־סעריע „ווילנע", וואָס איז אַ דיכטערישער אַפּאָטעאָז פון ירושלים דליטא... „דו ביסט אַ תהלים אויסגעלייגט פון ליים און אייזן / אַ תפילה איז אַ יעדער שטיין, אַ ניגון — יעדע וואַנט, / ווען די לבנה רינט אַראָפּ אין דיינע געסלעך פון קבלה... / דו ביסט אַ טונקעלע קמיע איינגעפאַסט אין ליטע / און פּטליען קוים געשטאַלטן אין דיין אומרויקן גרונט / די ווייסע, בלאַנקע גאונים פון ווייטער ליכט / מיט ביינער שמאָלע האַרטע, אויסגעשליפענע פון מי / ...און יידיש איז דער פּראָסטער קראַנץ פון דעמבנבלעטער / אויף די אַריינגאַנגען די הייליק־וואַכיקע פון שטאָט / דאָס גרויע יידיש איז דאָס ליכט, וואָס פינקלט אין די פענצטער /...

„זיין לידער־ציקל אַרום ווילנע"... — וועט יאָרן שפּעטער שרייבן א. לעיעלעס — „פאַרכאַפּט מיט דעם ברייטן אָטעם, מיט דער פאַרטיפונג און מיט דעם יידיש־פאַרגייסטיקטן געמיט, וואָס דער דיכטער האָט דאָ אַריינגעלייגט. קולבאַק איז אין אָט דעם פּרט אַ מין נאַטירלעכער און ווירדיקער פאָרגייער פון דער גרופּע „יונג־ווילנע". וואָס די תקופה צווישן די ביידע וועלט־מלחמות האָט געבראַכט דער יידישער ליטעראַטור".

קולבאַקס אָנזען איז אַזוי גרויס אַז ער ווערט אין יוני 1927 אויסגעוויילט ווי דער פאָרזיצער פון פּע"ן־צענטער פאַר דער יידישער אַלוועלטלעכער ליטעראַטור. ס'גייט אָבער אַוועק קוים אַ האַלב יאָר און ער מאַכט אַ פאַטאַלן שריט, וואָס וועט אים קאָסטן זיין לעבן. אָנהויב 1928 פאַרלאָזט ער פּוילן און פאָרט אַריבער אין ראַטנפאַרבאַנד. ביז היינט איז נישט אין גאַנצן קלאָר וואָס ס'זענען געווען די מאָטיוון פון זיין באַשלוס: דאָס נישט קענען באַקומען די פּוילישע בירגערשאַפט, שוועריקייטן אין זיין פּראָפעסיאָנעלער אַרבעט ווי אַ לערער און לעקטאָר, קאָנפליקטן אין דער שרייבער־משפּחה אָדער די שטרעבונג צו זיין מיט זיינע עלטערן אין מינסק? ווי ס'זאָל נישט זיין, האָט, זעט אויס, קיין סך צייט נישט גענומען אַז ער זאָל דערפילן, אַז זיין שריט איז געווען אַ פאַלשער. ס'איז שוין אָבער געווען צו שפּעט. אין דער נייער פאַר אים סאָוויעטישער ווירקלעכקייט איז ער, דער געקומענער פון מערב, געווען באַלאָדן מיט אַ רעאַקציאָנערער ירושה פון ראָמאַנטיק און מיסטיק.

ער באַזעצט זיך אין מינסק און ווערט לעקטאָר אין אַרטיקן פאָרש־אינסטיטוט. ער נעמט אויך ווייטער אָנגיין מיט זיינע ליטעראַרישע שאַפונגען. דאָס ערשטע בוך וואָס ער שרייבט אַז אין ראַטנפאַרבאַנד איז דער ערשטער טייל פון זיין פּראָזעווערק „זעלמעניאַנער", וואָס ווערט פאַררעכנט ווי זיין גרעסטע דערגרייכונג אין דער פּראָזע. דאָס איז אַ ראָמאַן פון יידישן לעבן אין לאַנד פון

איז פשוט צו שטוינען, ווי ביי אַ סך פעלקער איז נישטאָ די געהעריקע פאַרשטענדיש פאַר דער וויכטיקער און זייער קאָמפּליצירטער ראָל וואָס אַמעריקע קומט אויס צו שפּילן אין איצטיקן מאָמענט, אָנפירנדיק מיטן קאַמף קעגן דעם געפערלעכן שונא פון דער מענטשהייט, קעגן קאָמוניזם.

אמת, מען וואָלט געדאַרפט זיין פאַרבלענדט נישט צו זען און באַמערקן די פאַרשידענע פעלערן וואָס אַמעריקע האָט געמאַכט און מאַכט נאָך אַלץ אין איר אויסערן־פּאָליטיק, אַ פּאָליטיק וואָס נישט שטענדיק איז זי געווען קלאָר, קאָנסעקווענט און אויסגעהאַלטן און זי האָט דעריבער געמוזט אַרויסרופן אַ סך קריטיק. אָבער אַנדערש איז אַ קאָנסטרוקטיווע און גאָר אַנדערש איז אַ בייזוויליקע און אַרונטער־רייסערישע קריטיק, וואָס שפּילט בלויז אַריין אין הענט פון שונא.

א סך מאָל באַקומט זיך דער איינדרוק, אַז עס איז געוואָרן אַ פּאָליטישע מאָדע־זאַך, אַ מין גוטער טאָן צו קריטיקירן אַמעריקע. זאָל דאָס טאַקע זיין דער רעזולטאַט פון דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָמוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע, וואָס איז אין די לעצטע יאָרן געווענדט מיט איר גאַנצער שאַרפקייט בלויז קעגן „אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם, נעאָ־קאָלאָניאַליזם און מלחמה־אונטערצינדער”? אַז אין די לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער האָט די דאָזיקע אַנטי־יאַנקישע פּראָפּאַגאַנדע גרויס דערפאָלג איז נאָך צו פאַרשטיין, אָבער מערקווירדיק איז וואָס אויך אין אייראָפּע האָבן זיך לעצטנס פאַרשטאַרקט אַנטי־אַמעריקאַנישע שטימונגען. דער עיקר אין צוזאַמענהאַנג מיט די געשעענישן אין וויעטנאַם.

ווי באַקאַנט איז נישט קיין אַנדערער נאָר דער גענעראַל דע־גאָל אליין, און מיט אים, כמעט די גאַנצע פראַנצויזישע פּרעסע, געוואָרן דער העראָלד פון אַנטי־אַמעריקאַניזם אין אייראָפּע. דע־גאָל האָט געוואָלט אָפּווישן אַמעריקעס איינפלוס אין אייראָפּע. פאַרשטייט זיך, אַז ער האָט נישט געמיינט, אַז אייראָפּע זאָל זיך אָפּזאָגן פון אַמעריקעס נוקלעאַר־וואָפן־פּראָטעקציע. ער האָט אליין אויך נישט געוואָלט עלימינירן אַמעריקעס גרויסע אינוועסטיציעס אין אייראָפּע, דאָס, חלילה וחס. דע־גאָל האָט געוווסט זייער גוט, אַז אייראָפּע מוז האָבן אַמעריקעס פּראָטעקציע און אַז זי פּראָפּעטירט גאַנץ פיין פון די אַמעריקאַנער אינוועסטיציעס, אָבער ער האָט געוואָלט אַזאַ אייראָפּע, אין וועלכער אַמעריקע זאָל אַריינלייגן אַלע זיבן גוטע זאַכן, אינוועסטיציעס, מיליטערישע שוץ און גינסטיקע צאָל און האַנדלס־אָפּמאַכן, נאָר דעם איינפלוס זאָל האָבן ער, דע־גאָל...

עס איז זייער אינטערעסאַנט און כאַראַקטעריסטיש פאַר דער פּאָליטישער איינשטעלונג פון אַ טייל אייראָפּעישע פּאָליטיקער לגבי אמעריקע. לאָמיר עס אילוסטרירן מיטן פאָלגנדיקן פאַקט.

אַמעריקאַנער זשורנאַליסטן האָבן געפרעגט אַן אָנגעזעענעם פראַנצויזישן פּאָליטיקער, וואָס און ווער וועט באַשיצן אייראָפּע אין אין פאַל פון אַ קאָמוניסטישער אַטאַקע, אויב דע־גאָל זאָל דערפירן צו דער אויפלייזונג פון דער „נאַטאָ” (די פאַראייניקטע פעלקער־אָרגאַניזאַציע צו פאַרטיידיקן אייראָפּע) און צו דער עלימינירונג פון אַמעריקע אין אייראָפּע? האָט ער אָן שום וואַקלעניש געענטפערט: אַמעריקע מיט איר נוקלעאַר־קראַפט. דאָס מיינט, אַז אייראָפּע האָט שוין אַ חזקה אַזאַ, אַז אויב זי איז אין געפאַר, זאָל אַמעריקע קומען ראַטעווען.

אָבער אַמעריקאַנער זשורנאַליסטן דערציילן אויך, אַז ביים אינטערוויואירן די פשוטע אַמעריקאַנער לייענער וועגן אַמעריקעס פּאָליטיק, פרעגן זיך אָט די לייענער: פאַרוואָס האָט די וועלט אַזאַ פיינטלעכע באַציאונג צו אונדז? מיר צאָלן די גרעסטע שטייערן און דערפון באַשטימט מען מיליאָנען פאַר אויסלענדישער הילף; מיר באַשפּייזן מיטן איבערפלוס פון אונדזערע פּראָדוקטן מיליאָנען הונגעריקע פון פאַרשידענע לענדער און פעלקער; אונדזערע קינדער רייסן איבער זייערע קאַריערעס און גייען אין פאַרשידענע ערטער און לענדער צו העלפן די אָפּגעשטאַנענע באַפעלקערונג, זיי גייען אָן אַ צלם און אָן אַ שווערד! אונדזערע קינדער געפינען זיך אין אייראָפּע, אין אַזיע צו פאַרטיידיקן די דאָרטיקע פעלקער פון עווענטועלע קאָמוניסטישע אַטאַקעס. און נישט געקוקט אויף דעם אַלעם, זוכן אפילו אונדזערע פריינד נאָר די עבירות אודזערע...

יאָ, אין די אַלע דערמאָנטע פראַגן שטעקט לײדער, אַ ביטערער אמת... יעדער עבירהלע פון אַמעריקע, אַ נעגער־סקאַנדאַל, גאַסן־פאַרברעכנס א.א. ווערן גלייך און פּראָמינענט נאָטירט אין דער אייראָפּעישער פּרעסע, אָבער די גרויסע אָנשטרענגונגען וואָס ווערן געמאַכט אין אַמעריקע צו דעמאָקראַטיזירן אַלץ מער דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן, צו פאַרבעסערן די לעבנס־באַדינגונגען פון אַלע בירגער, צו הייבן אַלץ מער דעם לעבנס־סטאַנדאַרט — דאָס אַלץ באַמערקט מען קוים.

מען שאַצט אויך נישט אָפּ גענוג די גרויסע זאָרג און וויכטיקע ראָל פון אַמעריקע אין קאַמף פאַרן וועלט־שלום.

## נאָסטאַלגיע . . .

אין אמעריקע איז טעטיק אַ טשאַרטער־פלי־געזעלשאַפט: „נשר” — און די בילעטן פון דער געזעלשאַפט וועלן זיין אין דריי שפּראַכן: העברעיש, ענגליש און יידיש.

דער דירעקטאָר פון דער געזעלשאַפט, דוד וויינגאָרטן, איז ווייט פון זיין אַ יידישיסט (פאַרזיכערט אונדז דער רעפּאָרטער פון „דזשערוזאַלעם פּאָסט” חיים שאַפּירא).

אָבער — זאָגט וויינגאָרטן — מיין זיידע האָט גערעדט יידיש, און ער איז טויט צוזאַמען מיט 6 מיליאָן יידן . . .

צוליב אים טו איך עס . . .

י. ראַטענבערג

# אַמעריקע און אירע קריטיקערס

אַמעריקע, דער רייכער פעטער, האָט שטענדיק געהאַט קריטיקערס, אפילו פריינד האָבן זיך נישט געקענט אָפּזאָגן פון פאַרגעניגן צו קריטיקירן איר. ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען אַמעריקע האָט זיך געהאַלטן ביי איר איזאָלאַציע־פּאָליטיק און זיך נישט געוואָלט מישן אין אייראָפּעס פּאָליטישע ענינים, האָט מען אין אייראָפּע געקוקט אויף אַמעריקע פון אויבן אַראָפּ און מען האָט דאָרטן געזען בלויז חסרונות.

אין אייראָפּע האָט מען געהאַלטן, און געוויסע קרייזן האַלטן נאָך ביז היינט, אַז אַמעריקע האָט אוזורפּירט אַלע אויפטועון און דערגרייכונגען פון אייראָפּע, און וואָס שייך קולטור לעבט אַמעריקע אויפן חשבון פון אייראָפּע און האָט נאָך קיין אייגענע זעלבסטשטענדיקע אָריגינעלע קולטור נישט געשאַפן, פאַרשטייט זיך, אַז אין דער דאָזיקער באַציאונג פון אומווילן און אומפריינדלעכקייט, אפילו, האָט געשטעקט אַ היפּש ביסל קנאה פון דער אַלטער וועלט, וואָס האָט אָנגעהויבן אַרויסווייזן סימנים פון דעקאַדענץ, צו דער נייער וועלט אַמעריקע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן בויען און אַנטוויקלען מיט אַזאַ אימפּעטפולן שאַפונגס־כּוח און אומדערשעפּלעכער ענערגיע.

דאָס אַלטע קאָנסערוואַטיווע אייראָפּע האָט קוים געוואָלט אָנערקענען דעם אמת, אַז מיטגעווירקט צו דער אַזוי עקספּאַנסיווער שעפערישער ענערגיע פון דער אַמעריקאַנער געזעלשאַפט האָט אין אַ גרויסער מאָס דער פאַקט וואָס זי האָט אָנגעהויבן איר געזעלשאַפטלעך־פּאָליטיש לעבן מיט אמתער דעמאָקראַטיע און פרייהייט. יעדער אימיגראַנט וואָס איז אָנגעקומען קיין אַמעריקע, נישט געקוקט אויף די אומגעהוירע שוועריקייטן וואָס ער האָט אָנגעטראָפן, איידער ער האָט געקענט אָנהייבן מאַכן אַ לעבן, האָט אָבער גלייך דערפילט די פרישע־פרייע לופט פון דער אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע און זי גלייך ליב באַקומען.

ערשט נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען אַמעריקע האָט אינטערווענירט לטובת די אַליאירטע, געראַטעוועט אייראָפּע פון דער דייטש־פּרייסישער פויסט, באַזאָרגט די פאַרהונגערטע אייראָפּעישע באַפעלקערונג מיט שפּייז־מיטלען בשפע און מיטגעהאָלפן צוריק אויפבויען דאָס חרוב־געוואָרענע אייראָפּע, האָט זיך די באַציאונג צו אַמעריקע געענדערט, מען האָט גאָר אַנדערש אָנגעהויבן קוקן אויף דעם רייכן פעטער. אָנשטאָט אומווילן און פון אויבן־אַראָפּ באַציאונג האָט מען דערפילט דאַנקבאַרקייט און רעספּעקט פאַר דער נייער וועלט, וואָס האָט נישט געשפּאָרט קיין מענטשלעכע קרבנות, כּדי צו ראַטעווען די אַלטע, וואָס האָט זיך מיט איר טראַדיציאָנעלער נאַציאָנאַליסטישער עקספּאַנסיע־פּאָליטיק אַריינמאַנעווורירט אין אַ בלוטיקער וועלט־מלחמה.

גאַנץ אַנדערש האָבן זיך געשטאַלטעט און אַנטוויקלט די באַציאונגען צווישן די לאַטיין־אַמעריקאַנער און צפון־אַמעריקע. דער יונגער אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליזם איז, אין זיין עקספּלאָאַטאַציע־פּאָליטיק אין די לאַטיין־ און דרום־אַמעריקאַנער לענדער, נישט נאָר נישט אָפּגעשטאַנען, נאָר ער איז אָפּטמאָל געווען האַרטער און ברוטאַלער, ווי זיין עלטערער אייראָפּעישער ברודער און דערביי זענען מיליטערישע אינטערווענצן מצד אַמעריקע אין די אינערלעכע ענינים פון די דאָזיקע לענדער נישט געווען קיין זעלטנהייט. דאָס אַלץ צוזאַמען האָט, אומפאַרמיידלעך, געמוזט שאַפן ביי דעם לאַטיין־אַמעריקאַנער, אַ שאַרפן אַנטאַגאָניזם לגבי דעם שטאַרקן און רייכערן שכן, אַן אַנטאַגאָניזם, וואָס וואָרצלט אין סאָציאַל־עקאָנאָמישע און נאַציאָנאַלע פאַקטאָרן און וואָס קען דעריבער נישט אַזוי גיך פאַרשווינדן. ביי יעדער וויכטיקער אָדער ווייניקער וויכטיקער געלעגנהייט דערוועקט זיך גלייך ביים לאַטיין־אַמעריקאַנער חשד און אומצוטרוי.

אָבער אויך דאָ האָבן זיך די באַציאונגען אין אַ גרויסער מאָס געענדערט. אַמבולטסטן און אַמקלאָרסטן איז געקומען צום אויסדרוק די דאָזיקע ענדערונג אין דער פּראָקלאַמירונג פון פאַרשטאָרבענעם פּרעזידענט פראַנקלין רוזוועלט פון אַ גוט־שכנותדיקער פּאָליטיק און פריינדלעכע באַציאונגען צווישן אַמעריקע און אירע שכנים, די לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער.

די אַנטוויקלונג פון די געשעענישן בעת און נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, די קאָמוניסטישע דיווערסיע־פּאָליטיק אין דער גאַנצער וועלט און דער קאַלטער קריג וואָס סטאַלין האָט אָנגעהויבן, האָבן אַוועקגעשטעלט אַמעריקע אין דער היסטאָרישער ראָל פון דעם הויפּט־פאַרטיידיקער פון פרייהייט און דעמאָקראַטיע אין דער גאַנצער וועלט.

אין צוזאַמענהאַנג אויך מיט דער אויבנדערמאָנטער היסטאָרישער אַנטוויקלונג פון די געשעענישן, האָט אַמעריקע געענדערט און האַלט נאָך אין איין ענדערן איר פּאָליטיק און צוזאַמענלעבן מיט די פעלקער פון דער וועלט. ווייל אַדאַנק איר רייכקייט און מאַכט איז זי פון דער געשיכטע אַליין באַשטימט געוואָרן צו איר פירנדיקער ראָל און דאָס גאַנצע אַמעריקאַנער פאָלק פאַרשטייט און גיט זיך אָפּ אַ חשבון, אַז די דאָזיקע היסטאָרישע ראָל וועט אַמעריקע קענען אויספירן נאָר אין דער ערנסטער קאָאָפּעראַציע מיט אַלע פעלקער וואָס ווילן זייער זעלבסטשטענדיקייט און פרייהייט.

אָבער אויך די פעלקער דאַרפן קאָאָפּערירן מיט אַמעריקע, אַז זי זאָל קענען ווי אַמבעסטן דערפילן איר היסטאָרישע ראָל. צום באַדויערן פעלט אַלץ מער און מער די דאָזיקע אַזוי אומגעהייער וויכטיקע קאָאָפּעראַציע. עס

אין זיין שפּיץ. איז אויסגעקומען אַז דאָס איז געווען אַ זעלטענע מאַניפעסטאַציע פון סאָלידאַריטעט פון צוויי קעגנזעצלעכע פּאָליטישע מחנות, וואָס צעטיילן פראַנקרייך זינט דורות. דער פּאַקט וואָס זיי האָבן זיך פּאַראייניקט דווקא אַרום אַ פּראָטעסט קעגן אַנטיסעמיטיזם און ראַסיזם איז אַ זייער באַטייטפולער, כאָטש ס'האָבן דאָ אויך נישט געפעלט קיין חשבונות פון דער קליין־פּאָליטיק.

דאָס באַווייזט קלאָר אַז דער אַנטיסעמיטיזם איז נאָך אַן עפנטלעכער פלעק אויף די וואָס שטיצן אים, אַריינגערעכנט די רעגירונג וואָס טוט נישט גענוג אים איינצוהאַלטן. דאָס איז אַ דאַמבע אין פראַנצויזישן עפנטלעכן לעבן אַפילו אויב אונטער דער אייבערפלאַך שלאָגן כסדר טיפע אַנטיסעמיטישע קוואַליעס.

גלייכצייטיק שטעלן צוויי נייע פּראָצעסן אין אַ געוויסער מאָס אין געפאַר די שטאַנדהאַפטיקייט פון דער געוויסנס־דאַמבע. איינער איז דאָס צונויפמישן די קריטיק אויף מדינת ישראל מיט דער קריטיק אויף יידן בכלל. דער צווייטער איז דער אויפשטייג פון „נייעם רעכטס".

דער געזעלשאַפטלעכער טאַבו אויף עפנטלעכע אַנטיסעמיטישע אַרויסזאָגעכצן און דער גלייכצייטיקער פּאַקט וואָס ס'עקזיסטירן פאַרבאַהאַלטענע אַנטיסעמיטישע געפילן האָבן אָפּגעצויגן דעם שפּיץ פונעם אָנגריף אויף די יידן אויפן אָנגריף אויף דער יידישער מדינה. ישראל איז געוואָרן דער בליץ־אָפּלייטער פאַר אַ טייל פון דער קלאַסישער יידן־שנאה פון רעכטס און פון לינקס. אין דעם זינען צאָלט ישראל דעם פּרייז דערפאַר וואָס די יידן אין מערב זענען כמעט פריי פון עפנטלעכע דערשיינונגען פון אַנטיסעמיטיזם.

דאָס וויל, פאַרשטייט זיך, נישט זאָגן אַז יעדער קריטיק־אויסדרוק אויף ישראל און איר פּאָליטיק איז אַנטיסעמיטיזם. דאָס איז אַ נאַרישקייט, וואָס די ישראל־רעגירונג פאַרשפּרייט היינט כדי צו באַרעכטיקן איר קורצזעעוודיקע שאָוויניסטישע פּאָליטיק און אויפהאַלטן דעם מיטאָס אַז „די גאַנצע וועלט איז קעגן אונדז". גלייכצייטיק איז קלאָר אַז די שוואַכקייטן און טעותן פון ישראל ווערן נישט איין מאָל אויסגענוצט כדי אויפצוּוועקן די אַלטע יידן־שנאה. אַפילו דעמאָלט ווען אין דער קריטיק איז פאַראַן אַ קערן פון אמת, איז טייל מאָל שווער נישט צו דערזען אירע מיאוסע כוונות: „אָט האָבן מיר דעם ייד פּריש געכאַפּט ביי דער האַנט. אָט פאַרשפּרייט ער אויפסניי דאָס שלעכטס אין דער וועלט און שטעלט אין געפאַר אונדזער שלום און וווילשטאַנד". אַזאַ מין גייסט פּילט זיך נישט איין מאָל אַרויס פון די פּאָליטישע אָנגריפן אויף ישראל, אַפילו דאַן ווען זיי ווערן געמאַכט אין אַ שפּראַך וואָס היט זיך כלומרשט אויס פון עטנישע אָדער רעליגיעזע טענער.

שווער צו וויסן אויב און ווען ס'וועט אין פראַנקרייך זיין פון דאָס ניי אַן אָפענער אַנטיסעמיטיזם, דאָס הייסט אַ פיינטלעכע קריטיק קעגן דעם יידן ווי אַזאַ. ס'איז געווען אַן אָנהויב אַן אַ המשך ביים לעבן פון דע־גאָלן, וועלכער האָט זיך אין איינער אַ באַוווּסטער רעדע אויסגעדריקט עפנטלעך וועגן די יידן ווי וועגן „אַ פאָלק פון אַן עליטע, זיכער אין זיך און הערשעריש". שפּעטער האָט דער גענעראַל דערקלערט דורך זיינע נאָענטע אַז מ'האָט אים שלעכט פאַרשטאַנען. ער איז זיכער נישט געווען קיין אַנטיסעמיט, נאָר אַ טראַדיציאָנאַלער מענטש פון רעכטס, וואָס זיינע פאָרורטיילן קעגן יידן זענען געצוימט געוואָרן דורך אַ הומאַניסטיש געוויסן. אָבער דער פאַקט אַז דווקא אַ מענטש פון זיין הייך האָט געקענט געבן אַן אויסדרוק באַהאַלטענע סטערעאָטיפּישע געפילן קעגן יידן באַווייזט ווי ווייט טיף זיי שטעקן נאָך אינעם פראַנצויזישן באַוווּסטזיין ווי אויך אין אייראָפּעישן באַוווּסטזיין בכלל.

אין דעם צוזאַמענהאַנג רופט אַרויס אַ זאָרג דער אויפשטייג פון דעם וואָס מ'רופט אָן אין פראַנקרייך „דער נייער רעכטס". דאָס איז נישט דער בורזשואַז־ליבעראַלער רעכטס פון זשיסקאַר דעסטענס נוסח, און אויך נישט דער מער פאָלקסטימלעכער רעכטס פון די גאָליסטן, דאָס איז אַ באַוועגונג וואָס באַנייט דעם קלימאַט פון עקסטרעמען ראַסיסטיש־אויטאָריטאַרן רעכטס אינעם נוסח וואָס האָט בשעתו געהאָלפן צום אויפשפּראָץ פון אַלטן פאַשיזם, אָבער אין אַ נייעם לבוש. די וואָרטזאָגערס פון נייעם רעכטס זענען נישט קיין פּאָפּוליסטישע דעמאַגאָגן פון דער גאַס, נאָר אַן אויסגעשליפענע אינטעלעקטועלע גרופּע. דאָס רוב פון זיי זענען געבוירן געוואָרן נאָך דער מלחמה. דאָס זענען 30—40 יעריקע אַביטוריענטן פון די עליטאַרע פראַנצויזישע בילדונג־אַנשטאַלטן. זיי פאַרטייטשן די מליצות פון אַלטן פאַשיזם אין אַ מאָדערן קלינגענדיקער און „וויסנשאַפטלעכער" שפּראַך.

זיי האָבן באַקומען די שליטה איבערן פּרעסטיזשפולן „פיגאַראָ מאַגאַזין", דעם וואָכנבלאַט וואָס איז געבונדן מיטן טאָגבלאַט „פיגאַראָ", וואָס ווערט אָבער רעדאַגירט באַזונדער. דער רעדאַקטאָר פון „פיגאַראָ מאַגאַזין" פּאַועלס, האָט צונויפגעזאַמלט אַרום זיך אַ גרופּע פּובליציסטן וואָס זענען נאָענט צו דער דערמאָנטער קולטור־פּאָליטישער טענדענץ... דער קלימאַט וואָס זיי פאַרשפּרייטן אַרום זיך איז אָנגעזאַפּט מיט פאַרבאַהאַלטענעם ראַסיזם, מיט „אייראָפּעישער" העכערקייט... ער אַנטהאַלט נישט קיין אָפענעם אַנטיסעמיטיזם. טיילמאָל גרענעצן זיי זיך אַפילו דעקלאַראַטיוו אָפּ פון אים. אָבער מיט אָט די מיינונגען זייערע קענען זיי דינען ווי אַ בריק פאַרן באַנייען דעם געזעלשאַפטלעכן הכשר אויפן אַנטיסעמיטיזם.

# אַ נייע אָרגאַניזאַציע: יידיש ליגע

אין משך פון די פאַרגאַנגענע עטלעכע חדשים איז אויפגעקומען אַ נייע יידישיסטישע אָרגאַניזאַציע די יידיש־ליגע, וואָס זי שטעלט דעם טראָפּ אויף רעדן יידיש: אַ גערעדט לשון איז אַ לעבעדיק לשון.

די יידיש־ליגע שאַצט הויך די ווערט פון ליטעראַרישע פּרעמיעס צו מוטיקן ליטעראַרישע שאַפערישקייט. זי ווייסט די ווערט פון באַנקעטן פאַר חיזוק החברה. זי ווייסט אָבער אויך, אַז לא על הפּרעמיע לבדו יחיה יידיש. יידיש קען נישט האָבן קיין קיום מיטן כח פון פּרעמיעס און באַנקעטן. קודם־כל מוז מען רעדן יידיש. אַם אין יידיש רעדן, אין יידיש־קיום.

יידיש מוז ווערן אַן עיקר, אַ ציל, נישט נאָר אַ מיטל צו פאַרשיידענע אַנדערע אידעאַלן. אַרום יידיש מוז זיך גרופּירן לכל־הפּחות אַ הייפעלע קנאים. זיי מוזן זיין דאָס געוויסן פונעם יידישיזם.

די יידיש־ליגע הייבט נישט אָן פון בראשית. זי איז דער אָרגאַניזאַציאָנעלער יורש פון דער פרייל‫אַנד־ליגע.

די יידיש־ליגע רופט צו קולטיווירן די יידישע שפּראַך; צו רייניקן מאַמע־לשון פון די דייטשמערישע, ענגלישע, שפּאַנישע און אַנדערע אַנוווּקסן; צו באַרייכערן און מאָדערניזירן יידיש.

מיר ווילן אַרבעטן לטובת מאַמע־לשון דורך מאָנען קוואַליטעט און עטישקייט. יאָ, און אויך וואַרעמקייט, נאָענטשאַפט און משפּחה'דיקייט. די יידיש־וועלט איז איינגעשרומפּן, קליין. לאָמיר מיט קוואַליטעט און חברשאַפט פּרוּוון קאָמפּענסירן פאַרן שוידערלעכן אָפּקום אין קוואַנטיטעט. יאָ, יידיש גייט באַרג־אַראָפּ, אָבער מיר זענען נישט גרייט זיך אונטערצוגעבן.

נאָך איין פּרט. די יידיש־ליגע וויל זיין באמת איבערפּאַרטייאיש, און באַווייזן דאָס „אוממעגלעכע": איטלעכער, וואָס יידיש איז ביי אים נישט קיין טפל, זאָל קענען זיך ביי אונדז פילן אין דער היים: בונדיסטן און ציוניסטן, איקופּיסטן און טעריטאָריאַליסטן; פּועלי־ציון, אַנאַרכיסטן און אגודיסטן.

דאָס מיטגליד־געלט איז 10 אמעריקאַנער דאָלאַר אַ יאָר (נעמט שוין אַריין אַבאָניר־געלט פאַרן זשורנאַל אויפן שוועל).

ווער ס'וויל נאָר אַבאָנירן דעם קוואַרטאַלניק — פינף אַמעריקאַנער דאָלאַר.

דער אַדרעס:

**LEAGUE FOR YIDDISH**
**220 W. 72 St., Suite 40, N.Y., NY 10023**

שטעלט זיך אנטקעגן דעם אלטן עסטאבלישמענט און פארלאנגט אז יידן זאלן זיך ארגאניזירן ווי א פאליטישער כוח. אן אנדער באווייז איז די העזה וואס ס'ווייזן לעצטנס ארויס יידישע פארשערס מיט זייער אויפדעקן דעם חלק פון דער ווישי־רעגירונג אין דער אויסראטונג פון יידן.

ס'איז נישט קיין ווונדער וואס דער פארהעלטנישמעסיק גרויסער אויפשוואונג פון די יידן, וואס, כאטש „פרעמדע", האבן זיי זיך אינטעגרירט אין פראנקרייך, און זייער קווענקלדיקע שטאלצע האלטונג, וועקן אויף פון דאס ניי דעם אלטן אנטיסעמיטישן אינסטינקט פון זיין דרימל. ס'העלפט דערביי צו די כסדרדיקע קריטיק וואס הערט זיך קעגן מדינת ישראל — וואס איז לײדער טיילווייז א בארעכטיקטע — וועלכע ווערט אויסגענוצט כדי צו בארעכטיקן די פרא־אראבישע פאליטיק פון דער פראנצויזישער רעגירונג און אויך כדי אנצופירן א גיפטיקע אנטיסעמיטישע פראפאגאנדע. און נישט נאר די געלע פרעסע פארנעמט זיך דערמיט. אויך די עליטע־צייטונג „לע מאנד" פארנעמט א סעלעקטיווע שטעלונג מיט איר טאן און מיט אירע אויסדרוקן.

און דאך וואלט געווען א ביסל איבערגעטריבן ארויפצווארפן די שולד פארן אנטיסעמיטיזם אויף דער פאליטיק פון דער פראנצויזישער רעגירונג כלפי ישראל. די ווארצלען פון אנטיסעמיטיזם אין פראנקרייך זענען זייער קאמפליצירטע און טיפע און די סיבות פון זיין אויסברעכן איבערן אייבערפלאך שטעקן אין פראנצויזישן און אייראפעישן צבור בכלל. דאס וואס האט ביז איצט אפגעהאלטן אז דער דאזיקער אינסטינקט זאל נישט אויסברעכן, איז געווען די נאנטקייט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. אבער וואס מער מע דערווייטערט זיך פון איר, אלץ שוואכער ווערן אויך די אפהאלטן. און ווייל פראנקרייך טראגט נישט אזוי ווי דייטשלאנד די שרעקלעכע פאראנטווארטלעכקייט פאר דער שואה, קומט ביי איר דער אנטיסעמיטיזם פריער צום עפנטלעכן אויסדרוק.

און דאך דארף מען זען זאכן אין זייער ריכטיקער פראפארץ. איין וויכטיקע דאמבע איז נאך דערווייל נישט איינגעבראכן געווארן: ס'איז שוין מער נישט לעגיטים, פון געזעלשאפטלעכן שטאנדפונקט, צו זיין אן אפענער און דעקלארירטער אנטיסעמיט אזוי ווי דאס איז געווען א מאל, ווען אנטיסעמיטישע צייטונגען און ביכער פלעגן ווערן אפן פארשפרייט און האבן געמאכט א שם זייערע מחברים. דער אנטיסעמיטיזם ווערט, נישט געקוקט אויף אלעם, באטראכט אין פראנקרייך ווי א נישט אנגענומענע דאקטרינע אין זינען פון די הערשנדיקע עפנטלעכע נארמעס (אזוי ווי דאס באווייזן אויך די לעצטע מאסן־מאניפעסטאציעס און די רעאקציע פון דער מאכט).

די פראגע איז ביז וואנען. אין דעם פרט רופט ארויס א זארג די לעגיטימאציע וואס ס'האט זיך לעצטנס דערווארבן די שטעלונג פון דעם עקסטרעם רעאקציאנערן רעכטן לאגער וועלכער איז צוריקגעקומען צו זיין גדולה אין דער געשטאלט פון דער באוועגונג פון „נייעם רעכטס". די דאזיקע גרופע נויטיקט זיך נישט מער אין קיין מאסן־מאניפעסטאציעס פונעם אלטן פאשיסטישן רעכטס. אין א בכבודיקן בירגערלעכן סטיל און מיט דער הילף פון אן אנאליז און אן אינטעלעקטועלער שפראך האבן זיי באוויזן צו דערגרייכן איינפלוסרייכע פאזיציעס אין דעם עסטאבלישמענט און צוצוגעבן א באנייטן כבוד די שטעלונגען פונעם עקסטרעמען רעכטס. פון דעם ביז צו פארוואנדלען דעם אנטיסעמיטיזם אין אן אנגענומענער נארמע איז נאך דער וועג א ווייטער, אבער די בריק איז שוין געשאפן געווארן.

### ווער הערשט אין דער פאליציי?

אויב די פראנצויזישע רעגירונג וועט טאן אלץ וואס איז אין אירע מעגלעכקייטן, וועט זי קענען דערשטיקן די נעא־נאצישע גרופעס, כאטש נישט די געפילן וואס האבן זיי געבוירן. די פראנצויזישע פאליציי איז איינע פון די עפעקטיווסטע און פערפעקציאנירטסטע אין אלץ וואס האט א שייכות מיט געהיימער אינפארמאציע וועגן אונטערערדישע גרופעס און פאקטיש וועגן אלע איינוווינערס פון לאנד. פראנקרייך איז אין א געוויסן זינען, א ליבעראלע פאליציי־מדינה. זי באנוצט זיך נישט מיטן גרויסן כוח וואס זי פארמאגט כלפי דעם בירגער, אבער זי זאמלט אט דעם כוח אויפן פאל ווען זי וועט אים דארפן. דאסיעס, קאמפיוטארס און אן אויסגעצייכנטער אינפארמאציע־דינסט גיבן דער פראנצויזישער אדמיניסטראציע אלע נויטיקע ידיעות וואס שייך די איינוווינערס אין א סך א ברייטערן פארנעם ווי דאס איז דער פאל אין אנדערע מערב־לענדער. אין די לעצטע הונדערט און פופציק יאר איז דאס ארייננשיקן אגענטן אין די פארשיידענע פאליטישע ראנד־גרופעס אין פראנקרייך געווארן ממש א וויסנשאפט און א קונסט. ס'נויטיקט זיך בכן בלויז א פאליטישער ווילן מצד דער רעגירונג כדי זיך צו באדינען מיט אט דעם פאטענציעלן גרויסן כוח.

איך האלט אז דער פאליטישער־ווילן וועט זיך געפינען, אבער ס'איז נישט קלאר צי האט די פראנצויזישע רעגירונג א פולע שליטה איבער איר אייגענער פאליציי. פאליטיש גענומען וועט זשיסקארס רעגירונג נישט קענען דערשיינען אין לאנד און אין אויסלאנד ווי אזא וואס דערמוטיקט אנטיסעמיטיזם, ספּעציעל ווען די לינקע פארטייען נוצן אויס די לעצטע געשעענישן פאר זייערע עלעקטאראלע צוועקן. אויסער דעם האט די רעגירונג — יעדער פראנצויזישע רעגירונג — אן אינטערעס אויפציהיטן די ארדענונג אין איר לאנד און אנהאלטן דעם מאנאפאל איבערן כוח און איבער דער מאכט. די אויטאריטארע און צענטראליסטישע פראנצויזישע רעגירונג קען נישט נעמען אין באטראכט די געפילן און אויפפאסונגען וואס הערשן אין דער וועלט און דערלויבן וועלכן נישט איז פאקטאר זיך צו צעווילדעווען איבער א באשטימטער גרענעץ, ווייל אנדערש וואלט עס געהייסן אז די עצם אויטאריטעט פון דער מדינה ווערט אוועקגעשטעלט אונטער א פרעגצייכן און אין פראנקרייך, ווי די געשיכטע באווייזט עס, קען נישט געמאלט זיין קיין הארבערע זאך ווי דאס.

אן אנדער פראגע איז צי באהערשט די פראנצויזישע רעגירונג פולשטענדיק די פאליציי, וועלכע איז פארוואנדלט געווארן אין א ביוראקראטישע ארגאניזאציע וואס איז שטארק אין אייגענעם זכות. אין דער פאליציי דינען א סך אנהענגערס פונעם עקסטרעמען רעכטס און אפילו פאשיסטישע עלעמענטן. ס'ליגט אן איראניע אינעם פאקט וואס א טייל פון די געוועזענע א. א. עס. (די עקסטרעם רעכטע ארגאניזאציע וואס האט זיך בשעתו קעגנגעשטעלט דעם גענעראל דע גאל ווען ער האט מסכים געווען אז פראנקרייך זאל אוועקגיין פון אלזשיריע. דער איבערזעצער) וועלכע זענען אין דער צייט פון דער מלחמה אין אלזשיריע געווען פריינד פון ישראל געהערן היינט אויך צו די אנטיסעמיטישע קרייזן.

אויב אפילו דער פראנצויזישער רעגירונג וועט געלינגען צו ליקווידירן די נעא־נאצישע נעסטן און דעם אנטיסעמיטישן טעראר, איז אין היינטיקן פראנקרייך געשאפן געווארן א נייער פאליטישער און פסיכאלאגישער פאקט. די יידן אין פראנקרייך וועלן זיין געצוווּנגען נאכצוטראכטן וועגן אים און זיך פארמעסטן מיט אים א לאנגע צייט. און די צווישן זיי וועלכע האבן לעצטנס אנגעהויבן פלעגן דעם גלות־אידעאל — גלייך ווי דער גלות וואלט אויסגעדריקט דעם יידישן קיום אויף א מער אויטענטישן אופן ווי דאס טוט מדינת ישראל — וועלן קענען געפינען א ברייט פעלד כדי זיך אויפסניי אריינטראכטן אין זייער תורה.

### נייער רעכטס — אלטער אנטיסעמיטיזם

...דאס וואס דער ענין אנטיסעמיטיזם האט זיך אריינגעפלאכטן איז דער זיך דערנענטערדיקער קאמפאניע פון די פרעזידענט־וואלן האט פארגרעסערט דעם כוח פון דעם עפנטלעכן פראטעסט, אבער האט אויך געווארפן אויף אים א חשד אז מ'וויל דא שלאגן פאליטישן קאפיטאל. די מאניפעסטאציע האבן ארגאניזירט בעיקר די פראפעסיאנעלע סינדיקאטן און די לינקע פארטייען... פאראן דערין א מין סימבאליש־קייט: זענען דאך די שונאים פון די יידן אין פראנקרייך געווען דאס רוב שאוויניסטן און פיינט פון דער רעפובליק.

די מענטשן פון דעם גאליסטישן רעכטס וואס האבן אנטייל־גענומען אין דער מאניפעסטאציע געהערן צו דער אפאזיציע צו דער ריכטונג פון זשיסקאר אין דעם פאליטישן בונד וואס ער שטייט

פּראָפ׳ ירמיהו יובל

# דאָס געשפּענסט האָט זיך אויפגעוועקט*)

דער מחבר איז צוריקגעקומען פון פראַנקרייך נאָך דעם ווי ער האָט פאַרבראַכט צוויי יאָר ווי גאַסט־פּראָפעסאָר פון פילאָזאָפיע אויף דער סאָרבאָנע.

דער אויפרייס אין דער סינאַגאָגע אויף דער קאָפּערניק־גאַס אין פּאַריז איז דאָס שווערסטע אַנטיסעמיטישע געשעעניש אין אייראָפּע זינט דער צווייטער וועלט־מלחמה. ס׳איז קיין צופאַל נישט, וואָס עס האָט פּאַסירט דווקא אין פראַנקרייך. אויך איך, דער גאַסט פון ישראל, האָב געקענט זען סימנים פון אַנטיסעמיטיזם פאַר די לעצטע צוויי יאָר וואָס כ׳האָב געוווינט אין פּאַריז. אין אָט דער צייט זענען די אַנטיסעמיטישע לאָזונגען אַריינגעדרונגען פון די קאָרידאָרן פון מעטראָ אין די רייכע קוואַרטאַלן פון זעכצנטן אַראָנדיסמאַן. אויף די ראָגן פון די גאַסן האָט מען אויסגעמאָלט מגן־דודס ווי „שאַנדצייכנס״. אין איינעם אַ טאָג האָב איך געזען אַזעלכע „שאַנדצייכנס״ אויך אויף דעם בראָנזענעם אַריינגאַנג־פראָנט פון דער סאָרבאָנע איידער מ׳האָט נאָך באַוויזן זיי אָפּצומעקן. נאָענט צום הויז וווּ כ׳האָב געוווינט האָט זיך געפונען איינער פון די באַקאַנטסטע ליצייען אין פּאַריז און אויך אויף זיינע ווענט האָט זיך געפירט די שלאַכט פון טינט און פון פאַרב אין דער ייִדן־פראַגע.

דער רוב מענטשן מיט וועלכע כ׳פלעג רעדן וועגן דעם פלעגן מיך באַרויִקן זאָגנדיק אַז דאָ האַנדלט זיך נישט מער ווי אין ראַנד־גרופּעס, און פאַרביטערטע יוגנטלעכע פון דער אונטערשטער געזעלשאַפטלעכער שיכט וואָס שטעלן אין געפאַר בלויז די שיינקייט פון פּאַריז. און דעמאָלט איז געקומען דער ערשטער טעראָראַקט: אַ באָמבע איז געוואָרפן געוואָרן אין רעסטאָראַן פון ייִדישע סטודענטן אויף דער מעדיסיס־גאַס. דער ציל איז געווען אַ קלאָרער. דאָס איז נישט געווען קיין אָנגריף אויף אַ ישראל־אינסטיטוציע נאָר אויף אַ ייִדישער אינסטיטוציע. און דאָך איז די רעאַקציע פון אַלע זייטן געווען אַ לוילעכע. די פראַנצויזישע פּאָליציי וואָס איז אַזוי פלינק ווען ס׳האַנדלט זיך אין כאַפּן טעראָר־ און אונטערערד־גרופּעס, האָט די שולדיקע נישט אַנטדעקט. דאָס פראַנצויזישע ייִדנטום — אַחוץ עטלעכע אַריבערגייענדיקע וואָרענונג־ווערטער — איז אַריבער צום סדר־היום.

ס׳האָט געדאַרפט קומען דער בלוטיקער אויפרייס אויף דער קאָפּערניק־גאַס — און מיט אים מיט גאָר טראַגישער איראָניע, דער טויט פון דער ישראל־בירגערין עליזה שגריר — אַז די עפנטלעכע מיינונג זאָל סוף סוף אויפגעוועקט ווערן און אַז די פּאַריזער בולוואַרן זאָלן פאַרפלייצט ווערן דורך הונדערטער טויזנטער מאַניפעסטאַנטן. צי איז עס אַ צופעליקער און פאַרבייגייענדיקער אויפברויז? און וואָס האָט די פראַנצויזישע רעגירונג בדעה צו טאָן?

דאָס וואָס איז געשען איז ווייט נישט קיין צופעליקייט. דער וואָס קען די געשיכטע פון פראַנצויזישן אַנטיסעמיטיזם ווייס ווי טיף די אַנטיסעמיטישע טראַדיציע איז איינגעוואָרצלט אין פראַנצויזישן פּובליקום. און מיר מיינען דאָ נישט בלויז דעם קלאַסישן אַנטיסעמיטיזם, די רעליגיעזע ייִדן־שנאה, נאָר דווקא די מאָדערנע אויפלאַגע זיינע, דער דאָזיקער אַנטיסעמיטיזם איז געווענדט נישט נאָר קעגן דער ייִדישער רעליגיע נאָר קודם־כל קעגן דעם ייִדישן וועזן ווי אַזעלכן, קעגן דער סאַמע עקזיסטענץ פונעם ייִדן און ווי באַוווּסט האָט דווקא אָט דער סאָרט אַנטיסעמיטיזם דערפירט, אין לעצטן דור, צום גרעסטן חורבן אין אונדזער געשיכטע.

### הומאַניזם און שנאה־אינסטינקט

זינט דעם ניינצנטן יאָרהונדערט איז פראַנקרייך געווען דאָס וויגעלע פון דעם גיפטיקסטן אַנטיסעמיטיזם. אין פּרט פון פּראָפּאַגאַנדע איז זי נישט געווען הינטערשטעליק כלפּי די קלאַסישע לענדער פון אַנטיסעמיטיזם, עסטרייך און דייטשלאַנד און צייטנווייז אַפילו זיי איבערגעשטיגן מיט די אידעאָלאָגישע באַרעכטיקונגען פון דער ייִדן־שנאה. דעם עסטרייך־דייטשישער אַנטיסעמיטיזם האָט שפּעטער דערפירט צום מאַסנמאָרד איבער ייִדן, בעת אין פראַנקרייך איז די שנאה פאַרבליבן אין די ראַמען פון אַ טעאָריע. מ׳טאָר אָבער נישט פאַרגעסן אַז די פראַנצויזישע מדינה אונטער דער ווישי־הערשאַפט האָט סך הכל מיט 40 יאָר צוריק אָנגענומען ראַסן־געזעצן קעגן ייִדן, באַשטימט אַן אַנטיסעמיטישן קאָמיסאַר „פאַר ייִדישע ענינים״ און אַז אירע פּאָליציאַנטן האָבן געכאַפּט צענדליקער טויזנטער ייִדן און זיי איבערגעגעבן דער נאַצישער פאַרניכטונג־מאַשין.

פאַרשטייט זיך אַז אין יעדער זאַך וואָס האָט אַ שייכות צו פראַנקרייך, איז אויך פאַראַן אַ צווייטע זייט פון דער מטבע, און אַ דיאַלעקטישער ווידעראַנאַנד צווישן ביידע: פראַנקרייך איז נישט בלויז דער מקור פון שאָוויניסטישע און אַנטיסעמיטישע געדאַנקען נאָר אויך דאָס פאָטערלאַנד פון דער פרייהייט און דער עמאַנציפּאַציע. דאָס פראַנצויזישע באַוווּסטזיין איז דורכגעדרונגען מיט אַנטידאָטן פון הומאַניזם וואָס שטייען אין סתירה צום אונטערוואָרפן זיך דעם אינסטינקט און דער שנאה. אין דער לעצטער מלחמה האָבן אַ סך טויזנטער פראַנצויזן געהאָלפן די פאַרפאָלגטע ייִדן און אַזוי אַרום איז אַ באַדייטנדיקער טייל פון פראַנצויזישן ייִדנטום אויך ניצול געוואָרן, די דערפאַרונג פון דער פאַרגאַנגענהייט באַווייזט אַז סוף כל סוף איז די אַנטיסעמיטישע כוואַליע אין פראַנקרייך תמיד איינגעהאַלטן געוואָרן — לכל הפּחות אויף אַ געוויסער צייט — ביז דער פענדל איז צוריקגעקומען. די פּרשה ווישי ווערט היינט דורך דער מערהייט פראַנצויזן — נישט דורך אַלע — באַטראַכט ווי אַ שאַנדפלעק אויף זייער פאַרגאַנגענהייט און אוודאי שוין די פּרשה דרייפוס.

פראַנקרייך פאַרמאָגט היינט די גרעסטע ייִדישע קהילה אין מערב־אייראָפּע. ס׳ווינען אין איר צווישן אַ האַלבן מיליאָן ביז זיבן הונדערט טויזנט ייִדן, דער גרעסטער טייל פון זיי אימיגראַנטן, פּליטים אָדער קינדער פון פּליטים פון מזרח־אייראָפּע, פון מיטל־אייראָפּע און פון צפון־אַפריקע. זייערע וואָרצלען שטעקן נישט אין די וויינגערטנער פון בורגונדיע אָדער אינעם לאַטיינישן קוואַרטאַל אין פּאַריז און אויך נישט אין ליאָן, דיזשאָן אָדער מאַרסיי. נישט געקוקט דערויף וואָס ייִדישע היסטאָריקערס פּרווון לעצטנס זיך צוצואייגענען די געשיכטע פון די ייִדן אין פראַנקרייך אין די פריערדיקע יאָרהונדערטערס, מוז מען צוגעבן אַז די פאַקטישע וואָרצלען פון דעם רוב ייִדן וואָס געפינען זיך היינט אין פראַנקרייך שטעקן אין פּוילישן אָדער רוסישן שטעטל אָדער אין די ייִדישע שכונות פון אָראַן, אַלזשיר און ראַבאַט.

און אָט זענען אָט די ייִדן אין אַ פאַרהעלטנישמעסיק נישט לאַנגער צייט אַריינגעדרונגען אין דער ווירטשאַפט, אין דער אַקאַדעמיע, אין דער עפנטלעכער אַדמיניסטראַציע, אין דער קולטור, אין דער קאָמוניקאַציע אין פראַנקרייך. אין דער ווירטשאַפט און אין דער אַדמיניסטראַציע געפינען זיי זיך אין דער שפּיץ, זיי זעען זיך אויך גאַנץ גענוג אָן אין די קרייזן פון קולטור און פון דער קאָמוניקאַציע.

אַ טייל פון די ייִדן טראָגן ווייטער די אַלטע פאַמיליע־נעמען: גרינבערג און מאַנדעל, סאַבאַג און בען־אַטאַר (טייל מאָל מיט אַן ענדערונג פון איין אות אָדער צוויי כדי ס׳זאָל קלינגען מער פראַנצויזיש). אַ טייל, די פון צווייטן און דריטן דור, פילט שוין אַ געוויסע מאָס פערזענלעכע זיכערקייט כדי צו קענען אונטערשטרייכן — דערווייל וואָס אָן אמת מיט אַ ביסל קווענקלעניש — זייער אייגנאַרטיקייט ווי ייִדן אָדער כדי צו קענען פאַרטיידיקן זייערע רעכט. אַ באַווייז דערפאַר איז דער וויכוח וואָס פירט זיך אַרום דער באַוועגונג „ייִדישע באַנייִונג״ (רענוואָ שויף), וואָס

*) דער אַרטיקל איז געווען פאַרעפנטלעכט אין „הארץ״.

צו דערגרייכן אין אַ קורצער צייט דאָס, וואָס כ'האָב נישט געקאָנט דערגרייכן זינט מיין 12 יאָריקן עלטער".

זיין מוח, זיין נשמה האָט איינגעזאַפּט וויסן, ווי אַן אויסגעטרוקנטע שוואָם זאַפּט איין פליסיקייט. ער שרייבט מיט פאַרערונג וועגן דזשאָרדזש טיילאָר, וואָס האָט אין זיין ספּעציעלער שול פאַר „דורכגעפאַלענע" צוגעטיילט אים אַ פּריוואַטן לערער, די פרוי דאָראָטי לאַקוואוד.

כאָטש ער האָט געהאַלטן אין קומען צו זיך, נאָכן קראַנק זיין אויף לונגען־טובערקולאָז, האָט ער זיך אויסגעצייכנט אויף דעם יורידישן פאַקולטעט פון מעלבורנער אוני־ווערסיטעט. שפּעטער איז פּיסאַר געוואָרן דער רעדאַקטאָר פון דעם פאַקולטעט־זשורנאַל.

★

פּיסאַר באַמערקט דערביי, אַז אין יענער צייט איז דער דעקאַן פון יורידישן פאַקולטעט געווען סער זלמן קאָהען, און ער האָט אויף אַ דעציזירנדיקן אופן באַאיינפלוסט זיין לעבן.

סער זלמן קאָהען (דער הייַנטיקער גענעראַל־גובער־נאַטאָר פון אויסטראַליע) זייענדיק אין אַמעריקע אַלס גאַסט־לעקטאָר האָט פּיסאַרס פאַל פאָרגעשטעלט פאַרן האַרוואַרד אוניווערסיטעט. צו פּיסאַרס אָנגענעמער איבערראַשונג האָט אים סער קאָהען פאָרגעלייגט אַ „סקאָ־לאַרשיפּ" און אַ קארנעגיע־סטיפּענדיע.

אין אָנהויב פון די פופציקער יאָרן, איז פּיסאַר — דאַן שוין אַן ענגלישער בירגער — געפאָרן קיין אמעריקע. דאָרט האָט ער באַקומען אַ דאָקטאָראַט פון האַרוואַרד־אוניוווערסיטעט; אַ דאָקטאָראַט אויך פון דער פּאַריזער „סאָרבאָנע". שפּעטער האָט ער געאַרבעט אין דער „אונאָ" און איז אויך געווען יורידישער ראַטגעבער אין דער קענעדי־אַדמיניסטראַציע.

נאָכן באַקומען אמעריקאַנער בירגערשאַפט, דורך אַ ספּעציעלן געזעץ פון פאַרלאַמענט, ווערט פּיסאַר אַ באַ־וווסטער יוריסט פון אינטערנאַציאָנאַלן געזעץ, און באַ־קומט די דערלויבעניש צו פּראַקטיצירן אין לאָנדאָן, פּאַריז און ניו־יאָרק.

זיין בוך: „פון בלוט און האָפענונג" איז אַ מעכטיקער קאָמענטאַר אויפן הייַנטיקן יאָרהונדערט. ער באַרירט אין דעם בוך טיף און ברייט די מענטשלעכע דערפאַרונגען, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר אַן אינטעגראַלן און רחמנותפולן פאַרבינד צווישן די גרוילן פון דער פאַרגאַנגענהייט און די געפאַרן אין דער צוקונפט.

אויב עס זענען אין בוך פאַראַן חסרונות, וועלן זיי זיין נאָר אין דער שוועריקייט פון אַ דורכשניטלעכן לייענער (צו וועמען דער מוסר־השכל איז געווענדט) נאָכצופאָלגן דעם מחבר אין זיין אומגעהויער ברייטער פּערספּעקטיוו, אין די טיפן צו וועלכע דער שרייבער לאָזט זיך אַרונטער, צו פּרטים וועלכע פאַרשטעלן גיכער ווי זיי אַנטפּלעקן.

יידיש: י.מ.ל.

**א. ציקערט**

# חלום־פּוילן

פאַר יוסף קערמיש —
מיין פריינד אין ירושלים.

אין מיין לעצטן חלום־פּוילן
זיצט אַן אַלטע פרוי און וויינט.
אירע טרערן — זשאַרעס קוילן:
„כ'האָב עס אַנדערש גאָר געמיינט".

טריפט אַ האַרבסטיק קאַלטער רעגן
קילט, פאַרלעשט איר הייסע טרער — —
לעצטער גאַנג, אויף לעצטע וועגן,
לעצטער דור און — — גאָרנישט מער...

שטרעק איך אויס מיין רעכטן אָרעם
קעגן רעגן און באַפעל:
„שיק אַהער מיר דריי קלעזמאָרים
שפּילן אויף מיין טויטן־שוועל".

הויבט אַווירבל ווינט אַן דרייען
טיף, דאָרט טיף אין שוואַרצן טאָל — — —
קוק און זע — דריי קלעזמער גייען
אין דעם נעכטיקן אַמאָל.

און אַ בדחן בגילופין
נעמט זיך וויצלען מיט מיר: שוועך,
האָסט אַ לעצט מאָל אונדז גערופן
און „וועסט אונדז נישט רופן מער".

גרימפּלען פריילעך די קלעזמאָרים,
ערגעץ וויַיט... ביי כלה'ס טיש:
זע וואָס איז פון אונדז געוואָרן,
זע, עס אַרט שוין קיינעם נישט.

און דער רעגן פאַלט, פאַריתומט,
גרויע חופּה איבער קאָפּ.
ווער איז בדחן? — ווער איז — חתן?
איך — בין נאַר וואָס לאָזט נישט אָפּ.

לעשט דער חלום אויס די פאַרבן
בלייבט דאָס ליכטעלע פון טרער...
ווייס איך, שוין נישט לאַנג, כ'וועל שטאַרבן
און עס וועט נישט וויי טאָן מער.

אין מיין לעצטן חלום־פּוילן
קלינגט נאָך אַלץ דער פרוי'ס געוויין...
— — — — — — — — — — — — — — — —
באַלד וועט ווערן אַלץ פאַרהוילן
באַלד... און קיינער וועט פאַרשטיין.

יעדן פרימאָרגן — דערציילט וויטער פיסאַר — זע־נען קופּעס אויסגעדאַרטע, טויטע קערפּערס אַוועקגענומען געוואָרן צו א נייעם בית עלמין, נישט ווייט פון די יידישע היימען. די לעבעדיקע יידן זענען סאָרטירט געוואָרן אין גרופּן און אין משפחות. מען האָט כסדר געלעבט אין שרעק פאַרן קומענדיקן עס.עס. עוואַקואַציע פּאַטראָל. זאַלבעדריט זענען זיי איצט געווען אין דעם קליינעם צימער: זיין מו־טער, זיין קליין שוועסטערל און ער, שמואל.

לסוף איז דאָס געטאָ פאַרניכטעט געוואָרן. פון יענער גרויליקער נאַכט זענען אין זיין זכרון פאַרבליבן די פלאַ־מען, וואָס האָבן ארומגענומען דאָס געטאָ.

די לעבנגעבליבענע זענען צומאָרגנס צעטיילט געוואָרן אין גרופּן: אין איינער — פרויען און קינדער; אין דער צווייטער — די מענער. אַדאַנק זיין מוטערס פּאָרויסזען די געפאַר, האָט שמואל אָנגעטאָן לאַנגע מענער־הויזן, און איז פאַררעכנט געוואָרן אַלס דערוואַקסענער.

שמואל האָט הילפלאָז זיך צוגעקוקט, ווי די פרויען־גרופּע, זיין מוטער און שוועסטערל זענען געטריבן געוואָרן אין אַ פאַרקערטער ריכטונג, ווי די מענער־גרופּע, אין וועלכער ער האָט זיך געפונען.

די טירן פון אַ לאַנגן צוג זענען געשטאַנען אָפן, גרייט זיי אויפצונעמען, מענער באַזונדער: פרויען און קינדער — באַזונדער. די איבערגעפּאַקטע פּי־וואַגאָנען האָבן גענומען רירן פון אָרט.

ווען דער צוג איז געבליבן שטיין, האָט ער דורכן פענצ־טער געזען, אז זיי געפינען זיך אויף אַ גרויסן באַן־קנופּ, פון וואַנען אייזנבאַן־ליניעס האָבן געפירט אין פאַרשידענע ריכטונגען. ווען זיי זענען צום צווייטן מאָל שטיין געבליבן, האָט ער איבערגעלייענט דעם נאָמען פון דער סטאַציע: „טרעבלינקע".

דער צוג האָט אָנגעהויבן מאַנעווורירן. שטויסן און ציען. ס'איז קלאָר געווען, אַז אַ טייל וואַגאָנען ווערן אָפּ־געטשעפּעט. זייער שרעק איז נאָך אַ שטיקל צייט באַשטע־טיקט געוואָרן. דער טייל צוג מיט די מענער איז געפאָרן ווייטער. די הונדערטער וואַגאָנען מיט די פרויען און קינ־דער זענען געבליבן שטיין באַוועגלאָז, אין אַ גרינער רואיקער אָרטשאַפט.

שפּעטער איז באַוווסט געוואָרן: די פרויען און קינדער זענען באַלד פון די וואַגאָנען געטריבן געוואָרן אין די גאַז־קאַמערן.

נאָך עטלעכע קאָשמאַרנע טעג פון פאָרן און בלייבן שטיין, זענען די מענער געבראַכט געוואָרן אין אַן אַרבעטס־לאַגער, וואָס האָט זיך געפונען אין א ווילדער געגנט, מיטן נאָמען בליזשין.

צוערשט איז עס געווען שמואל פּיסאַרס פאָטער; דאַן די מוטער און דאָס שוועסטערל, וואָס זענען פאַרשטומט געוואָרן.

מיט אַ פאַרשטאַרקטן ווילן און מיט קלוגע איינפאַלן איז שמואלן געלונגען איבערצולעבן הונגער, ברוטאַליטעט און דערנידערונגען — אפילו אין דעם טרויעריק־באַרימטן טויטן־לאַגער פון דריטן רייך — „אוישוויץ".



מיט זיין פריינד מאַרק שאַגאַל

הילפלאָז, אויסזיכטלאָז האָט שמואל פּיסאַר זיך צוגע־קוקט ווי מענער, פרויען און קינדער זענען געטריבן גע־וואָרן צום אָפענעם מויל פון היטלערס אויסראָטונגס־מאַשין, דעם מכשיר פון דער „ענדגילטיקער לייזונג".

„איך האָב געזען מיט מיינע אייגענע אויגן" — שרייבט פּיסאַר — ווי די אומשולדיקע קרבנות, אריינ־געשטויסן אין די גאַז־קאַמערן, האָבן געהאַט נאָר דריי מינוט צו לעבן, נאָכן פאַרקלאַפּן פון די טירן.

★

נאָך דער באַפרייאונג, אויף די חורבות פון דער נאָך־מלחמה'דיקער אייראָפּע, איז פּיסאַר אריינגעפאַלן אין גע־פערלעכן ווירוואַר פון צעלאָזענער, הפקרדיקער פרייהייט.

פון דעם הפקרדיקן לעבן ,איז ער נאָכאַמאָל אָפּגעראַ־טעוועט געוואָרן. דאָסמאָל פון זיינע קרובים, וועלכע האָבן אים געבראַכט קיין פראַנקרייך, און דערנאָך קיין אויסטראַליע.

אין אויסטראַליע האָט שמואל מיט דעם כוח פון זעלבסט־דיסציפּלין דערגרייכט דעם מצב פון זיין מאָראַ־לישער און אינטעלעקטואַלער דערלייזונג.

אין מעלבורן האָבן געלעבט זיינע צוויי פעטערס, די סוכאָוואָלסקיס, זיין מוטערס ברידער. דערציילט פּיסאַר: „איך האָב געשטעלט פאַר זיך די אויפגאַבע פון שטודירן;

ניומאַן ראָזענטאַל

# די טראַגעדיע פון ביאַליסטאָק

"OF BLOOD AND HOPE" .שמואל פיסאַר
פאַרלאַג: קאַסעל, לאָנדאָן 1980

„מיין שול־חבר און איך זענען אין יאָר 1938 באַגייסטערט געוואָרן, ווען מיר האָבן געהערט, אַז דער באָקסער דזשאָ לואיס, אַ נעגער, האָט באַזיגט דעם נאַצי־טשעמפּיאָן מאַקס שמעלינג אין אַ פאַרמעסט פאַר וועלט־מייסטערשאַפט. אַזאַ ווערט האָט די „העכערע ראַסע״.

נישט געקוקט דערויף, וואָס די צוויי חברים זענען דאַן אַלט געווען אַכט אָדער ניין יאָר, האָבן זיי באַנומען פּאָליטישע געשעענישן מיט דער פרי אַנטוויקלטער רייפקייט, פון לעבן אין אַן אומרואיקער צייט. גאָר באַזונדערס צוליב דעם ספּעציפישן כאַראַקטער פון זייער געבוירן־שטאָט, ביאַליסטאָק.

מיט שרעק און אומגלויבן האָבן זיי געקוקט אויף די נייעסן, וועלכע מ׳האָט געוויזן אין די קינאָס. זיי האָבן געזען, ווי נאַצי־זעלנער מאַרשירן אריין אין רור־געביט; אין ווין; דערנאָך אין פּראָג. זיי האָבן געזען מאַסן פון דוכט זיך — דערוואַקסענע מענטשן אין סטאַדיאָן פון דער בערלינער אָלימפּיאַדע, אָדער אויף פּאָליטישע מיטינגען ווי זיי שטייען מיט אויסגעשטרעקטע אָרעמס און שרייען: הייל היטלער! הייל היטלער! הייל היטלער!

★

פיסאַר דערציילט וועגן דער שטאָט ביאַליסטאָק פון פאַר דער מלחמה, מיט אירע 120 טויזנט איינוווינער. אַ וויברירנדיקער צענטער פון יידישן קולטור־לעבן, וואָס האָט אָנגעהאַלטן כמעט דריי יאָרהונדערטער. די שטאָט איז געווען דער צווייט־גרעסטער טעקסטיל־צושטעלער אין פּוילן. די מערהייט פון דער באַפעלקערונג איז געווען אַ יידישע, דאָך האָט זי געלעבט מער ווייניקער פרידלעך מיט די פופציק טויזנט פּאָלאַקן, רוסן און אוקראַינער.

די שטאָט, וואָס איז באַוווסט געווען ווי: „די שטאָט מיט אַ גאָלדן האַרץ״ איז היינט א בית עלמין, אָן מצבות.

די נאַצישע שטורעם־טרופּן, וואָס האָבן פאַרנומען ביאַליסטאָק, האָבן נישט פאַרלוירן קיין צייט אין דורכפירן זייער פירערס ראַסיסטישע פּלענער.

דעם ערשטן פרייטיק פון דער אָקופּאַציע, זענען איבער טויזנט יידן אריינגעטריבן געוואָרן אין דער „גרויסער שול״ און זענען פאַרברענט געוואָרן. צומאָרגנס, שבת, זענען עטלעכע הונדערט געזונטע יידן ארויסגענומען געוואָרן פון זייערע היימען, ארויסגעטריבן אויף אַ פעלד און צעשאָסן געוואָרן מיט קוילן־וואַרפערס. צווישן די דערשאָסענע האָבן זיך געפונען פיסאַרס דריי קוזינען.

דאָס איז געווען דער אָנהויב. האָבנדיק איינגעשטעלט די הערשאַפט פון טעראָר, האָט דער נאַצי־קאָמענדאַנט באַפוילן די יידן אריבערצוגיין אין אַן אָפגעמערקטן אָרעמען קוואַרטאַל, און די נישט־יידישע איינוווינער, וועלכע האָבן דאָרט געוווינט, זאָלן זיך אריבערטראָגן אין די פאַרלאָזענע יידישע היימען. אויף דורכצופירן דעם באַפעל, איז געגעבן געוואָרן 24 שעה.



מיט זיין שוועסטער — קורץ פאר דער מלחמה

צונויפגעטוליעטע, ארויסגעריסן פון זייערע היימען, זענען די מענער, פרויען און קינדער מיטן ביסל אָרעמקייט אין די הענט, איינגעפּאַקטע אין זעק, רענצלעך, מאַרשירט גרופּע נאָך גרופּע, ביז זיי האָבן זיך צונויפגעגאָסן אין אַ שטראָם, וואָס איז געפלאָסן אין דער ריכטונג פון די ווענט, מיט שטעכל־דראָט פאַרצויגן.

די ווענט האָבן אויפגעשטעלט די נאַציס, און דאָס איז געווען די געטאָ, וועלכע זיי האָבן געשאַפן.

★

שמואל פיסאַר האָט זיין בר־מצוה געפייערט אין אַן אַלטער, פאַרוואָרלאָזטער שול, וואָס איז געשטאַנען נאָענט פון די שטעכל־דראָטן, ווו די נאַצי־וואַך האָט מאַרשירט הין און צוריק, מיט די פינגער אויפן צינגל פון זייער מאַשין־געווער.

נאָך דער עליה, ווען דער בר־מצוה בחור האָט אָנגעהויבן זיין דרשה, זענען די ווערטער געפלאָסן ביי אים פון האַרץ. אָנווייזנדיק מיטן פינגער אין דער ריכטונג פון דער געטאָ־מויער, האָט ער געזאָגט:

„ווי תמיד לאָמיר תפילה טאָן אין דער ריכטונג פון ירושלים. היינט אָבער, געפינט זיך אונדזער וואַנט פון תפילה און טרערן דאָ אויפן אָרט״.

יעקב ראָזענבערג

# יאַש, דו ביסט קין!

און האַרבסט איז געקומען,
מיט נאַקעטעביימער, מיט שטאַרבנדע בלומען,
ווען הויך אויפן הימל ווי נאָך גרויליקע שרפות,
עס ראַנגלען זיך וואָלקנס ווי גרויע מכשפות,
ווי מעכטיקע אייזבערג אויף אייז קאַלטע ימען,
זיי שווימען און שווימען אַלץ ענגער צוזאַמען,
אַזוי ווי זיי וואָלטן מיט שכל פאַרשטאַנען,
אַז נאָר דורך געמיינזאַמע כמאַרישע כוחות,
קען דויערן אַ יאָר טויזנט דער גרויסער פרוכת,
דער גרויסער פרוכת וואָס קען גאָר פאַרשטעלן,
די זון און די שטערן, דעם הימל דעם העלן,
די שטראַלן וואָס קומען מיט ליכט ווי צום בענטשן,
מיט ישעיהשן שלום,
דעם אייביקן קריגער וואָס ווינט אינעם מענטשן.

נאָר כאָטש ס'איז שוין האַרבסט,
כ'געדענק גוט דעם פרילינג,
כ'געדענקט נאָך די יענע די שטורמישע מאַיען,
ווען אַרויס כ'בין אין גאַס די וועלט צו באַפרייען,
דער פוילישער הימל אַ בלויער הענגט לויטער,
און ס'פלאַטערט פון פענער אַ שטורעם אַ רויטער,
און מענטשן ווי טייכן, פאַרפלייצן די גאַסן,
ניטאָ מער קיין פעלקער, ס'איז אויס מיט די ראַסן,
נאָר אַלץ איז איין מחנה פון שוועסטער און ברידער,
און שווערן זיך טרייהייט מיט אַרבעטער־לידער.
און אָט לויפט אָן האנסל,
מיט ווייסער טשופּרינע פון אונטער לעדערנעם דאַשעק,
אָט קושט ער אברהמלען, ער קושט זיך מיט יאַשעק,
און אין שפּיץ פון דער מחנה, דאָרט זע איך מיין טאַטן,
אהא! האָט אים האַנסל פאַרקויפט און פאַרראַטן,
און יאַש ווי ס'פּאַסט פאַר אַ ליגנער א זונה,
געוואָרן אברהמלען אַ בלוטיקער שונא,
און קוים האָט אברהמל גענומען גאָר פרעגן,
יאַש מיין געטרייער, דאָס זענען די וועגן?
האָט יאַש מיט אַ וואָרענונג אים גאָר פרעך געעצהט,
פאַרגעס ניט אַבראַמעק, האָסט מיין יעזוס געקרייציקט!
דאָס זעסטו, כ'קען ניט און וועל ניט פאַרגעבן,
אַזוי לאַנג ווי ס'וועט דויערן מיין קריסטלעכער לעבן.
היינט בין איך מיט האַנסן, ס'איז כשרע רעכט,
ווי גאָט איז מיר ליב, מ'ווייסט וואָס מען שעכט...

ניטאָ מער מיין טאַטע, ניטאָ די חברים,
פאַרברענט האָט זיי האַנס,
און דעם אַש האָט יאַש, געוואָרפן די חזרים.
נאָר דאָך ווען אין פוילן וועט ווידער מאַי קומען,
ווען די פעלדער וועלן אויפגיין מיט גרינס און מיט בלומען,
וועלן ווידער אונטער פענער צעשטורעמטע רויטע,
אַרויס דאָרט מיין טאַטע, די חברים די טויטע,
זיי וועלן די קנאָכיקע פינגער אין פויסטן פאַרבויגן,
און וועלן מיט לעכער, ווו געווען אַמאָל אויגן,
דורכשפּיזן מיט האַס,
די פוילישע מוסרישע גאַס,
וועלכע האָט אין דער שעה פון יידישער אימה און נויט,
געשמייכלט מיט תענוג מיט שחיטה און טויט,
און ניט מיט קיין ליד, נאָר מיט מתים יללה,
וועלן זינגען די טויטע צו פוילן אַ קללה,
אַזוי אַז ווען יאַש וועט זיינע זוימען פאַרזייען,
זאָלן די זאַנגען נאָר אומגליק גערייען,
זאָל זיך ביי אים דער ווייץ און קאָרן,
צעוואַקסן נאָר אין אַ טרוקענעם דאָרן,
וואָס וועט זיך פאַרוואַנדלען אין אַ הילצערנער תליה,
אויף וועלכער יאַש האָט געהאַנגען ישעיה'ס נבואה,
און אַזוי וועט שוין הענגען דער צעבראָכענער שאַרבן,
און וועט צאַפּלען אין גסיסה און וועט אַלץ ניט שטאַרבן,
נאָר וועט כאָרכלען דורך דורות מיט פאַרשטיקטע געשרייען,
יאַש דו ביסט קין! יאַש דו ביסט קין!

און געמורמל וועט ארויס צווישן גוישן פּעוול,
וואָס וויל ער שוין ווידער דער שרייער, דער הבל,
וואָס קומט ער אונדז ווידער די טעג נאָר פאַרדאַרבן,
העי, ברידערלעך! קומט לאָמיר צעמאָלן דעם שאַרבן,
צום רוף וועט אַ שפּרונג טאָן דער גוישער עולם,
מיט העק און מיט טענץ צו הבל'ס בית־עולם,
זיי וועלן אין שיכרות מיט זידלען אַ פרעכן,
די אַלטע מצבות אויף שטיקלעך צעברעכן,
און שפּעטער מיט אַספאַלט און גלאַטיקע שטיינער,
אָפּווישן דעם זכר פון יידישע ביינער,

נאָר פאַראַן אויף דער וועלט אַ גאָר מאָדנע השערה,
אַז ס'האָט הבל'ס קול אַ מין כישוף גבורה
כאָטש שנייד אים, פאַרברען אים, ער קומט ניט צו קבורה,
נאָר טראָגט זיך אויף אייביק מיט פאַרשטיקטע געשרייען,
יאַש דו ביסט קין! יאַש דו ביסט קין!

איצט איז דער האַרבסט שוין ווידער געקומען,
עס דאַרן די ביימער, עס שטאַרבן די בלומען,
און הויך פונעם הימל ווי פון שרפה בהלה,
פון וואָלקן אַ שוואַרצן ווי אַ שוועבנדיקע עגלה,
פליען אויף פוילן מיליאָנען פון מתים,
כאָטש טייל טראָגן פענער און טייל מיט טליתים,
דאָך פליען זיי אַלע פאַרפלאָכטן געאָרעמט,
און שנעל ווי אַ בליץ וואָס רייסט זיך דורך שטורעם,
פאָרויס נאָר פאָרויס קעגן גוישן פּעוול,
ווי שטענדיק אין פראָנט פליט דער געשאָכטענער הבל,
און כאָטש ס'איז זיין האַלדז פון דער האַק נאָך צעבלוטיקט,
דאָך ווי אַן אָדלער שוועבט ער דרייסט, שוועבט ער מוטיק,
און אַן אימה באַפאַלט פון זיין רופן, זיין שרייען:
יאַש דו ביסט קין!
יאַש דו ביסט קין!...

די קרבנות. זיי זענען דערשאָסן געוואָרן ביי דער וואַנט פון דעם האַלב־פאַרברענטן יידישן קינדערהיים און די דערשאָסענע קערפּערס זענען געבליבן ליגן אַ גאַנצן טאָג אויפן ווייסן שניי, וואָס איז געווען רויט פון דעם פאַרגאָסענעם אומשולדיקן יידישן בלוט.

אַ ריי אַנדערע גרופּן פון די אונטערערדישע קעמפער אין גראָדנע האָבן זיך ווי עס איז דערשלאָגן צו די נאַטשי וועלדער ביי ראַדון און געזוכט אַ קאָנטאַקט מיט די דעמאָלט שוין אָרגאַניזירטע פּאַרטיזאַנער אָטריאַדן. צום באַדויערן, האָבן די רוסיש־סאָוויעטישע און ווייסרוסישע פּאַרטיזאַנער נישט געוואָלט די דאָזיקע יידישע קעמפער אריינגעמען אין זייערע רייען, מיט דעם כלומרשטן אויסרייד, אַז זיי זענען געקומען אָן געווער, הגם די אוקראַינער און ווייסרוסן, וועלכע האָבן שטאַרק צוגעזינדיקט פון 1941 מיט גאָר גרויסע סימפּאַטיעס צו די נאַציס, זענען אריינגענומען געוואָרן אין די סאָוויעטישע פּאַרטיזאַנער־אָטריאַדן אָן שום וועלכע־עס־איז פראַגע: מיט געווער אָדער אָן געווער?!

די דאָזיקע גרופּן געפינענדיק זיך אָן אַן אויסוועג האָבן זיך אָרגאַניזירט זעלבסשטענדיק און צו זיי זענען צוגעשטאַנען שפּליטער־גרופּן פון פּאָלאַקן און ווייסרוסן, וועלכע זענען צוליב זייער שנאה צום נאַציזם אַוועק אין די וועלדער ארום דרוסקעניק און מאַרציקאַנץ. די דאָזיקע גרופּן האָבן מיט דער מאַטעריעלער הילף פון אַ ריי יידן אין ביאַליסטאָקער געטאָ (דער ביאַליסטאָקער געטאָ האָט נאָך עקזיסטירט ביז אויגוסט 1943) זיך פאַרשאַפט געווער און אַזוי ארום געשאַפן אַ זעלבסטשטענדיקע פּאַרטיזאַנער־גרופּע, וועלכע האָט פאַרשאַפט דער נאַצישער מיליטער־מאַכט גרויסע שאָדנס מיט זייערע דערפאָלגרייכע סאַבאָטאַזש־אַקטן.

אין די שפּעטערדיקע חדשים פון 1943 בשעת די גרויסע קאַמפן צווישן די נאַצישע מיליטערישע איינהייטן מיט די קעמפנדיקע פּאַרטיזאַנער־אָטריאַדן האָבן די זעלבסטשטענדיקע פּאַרטיזאַנער־גרופּן נישט געקענט אויסהאַלטן דעם גרויסן מיליטערישן כוח פון די נאַציס וועלכע האָבן דאָס ערשטע מאָל באַנוצט קעגן די פּאַרטיזאַנער קריגס־עראָפּלאַנען און טאַנקן פון דעם גרעסטן קאַליבער, און גלייך זיך צעשפּליטערט אויף קלענערע גרופּן, וואָס זענען טיילווייז געפאַלן אין די שלאַכטן קעמפנדיק צוזאַמען מיט אַלע פּאַרטיזאַנער־אָטריאַדן און טיילווייז אריינגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט צו די נאַציס.

כדאי צו דערמאָנען אַ ספּעציעלע גרופּע גראָדנער אונטערערדישע קעמפער, וועלכע האָבן זיך אָרגאַניזירט — נאָך דעם ווען גראָדנע איז דעם 12־טן מערץ 1943 דערקלערט געוואָרן דורך די נאַציס אַלס „יודן־ריין" שטאָט — אַלס אַ באַזונדערע פּאַרטיזאַנער־גרופּע אונטערן נאָמען „די ווייסע קאָזשוכעס", וועלכע האָבן געהאַט זייערע באַהעלטענישן אין די וועלדער פון קנישין־טשאַרנאָוויעזש — ביאַליסטאָקער ראַיאָן — און געווען זייער טעטיק און רירעווודיק אין פאַרשיידענע נקמה־אַקטן איבער די בלוטיקע נאַצי־מערדער און אויך איבער די פּויליש ווייסרוסישע נאַצי־מיטהעלפער. זיי האָבן אָנגעוואָרפן אַ פּחד אויף דער פּויערישער באַפעלקערונג אין דער דאָזיקער געגנט, און נישט קוקנדיק אויף דעם גרויסן טעראָר וואָס די נאַציס האָבן באַנוצט לגבי די אָרטיקע נישט יידישע איינוווינער פון דעם ראַיאָן, האָט די גרופּע דורכגעפירט גרויסע סאַבאָטאַזש־ און נקמה־אַקטן ביז דער באַפרייאונג.

★

די יידישע קהילה גראָדנע (קור־דנאָ) וועלכע האָט אָנגעהויבן איר עקזיסטענץ אין יאָר 1389 האָט זיך פאַררעכנט צווישן די שענסטע יידישע קהילות אין דעם אַמאָליקן מלכות פּוילן־וליטא, מיט איר רייך יידיש פאָלקסטימלעך גייסטיק־געזעלשאַפטלעך לעבן. גראָדנע איז אריין אין דער יידישער געשיכטע אלס די איינציקע שטאָט אין פּוילן, 1918־1919, וועלכע האָט באַקומען פולע יידישע אויטאָנאָמיע אויף אַלע געביטן פון קולטור, דערציאונג און סאָציאַלער הילף מיט אַן אייגענעם געריכטס־וועזן. גראָדנע האָט אין יאָר 1918 ביז חודש אַפּריל 1919 גענאָסן פון אַן אָפיציעלער גלייכבאַרעכטיקונג פון דער יידישער שפּראַך צוגלייך מיט דער פּוילישער און ליטווישער שפּראַך. אַלע אַקטיוויטעטן פון דעם יידישן ישוב אין גראָדנע זענען געדעקט געוואָרן דורך דעם בודזשעט פון דער שטאָט־פאַרוואַלטונג.

זאָלן די דאָזיקע ווייטיקלעך־בריענדיקע אָנגעשריבענע שורות פון אַ גראָדנער תושב, זיין אַ בלומען־קראַנץ אויף די דאָזיקע טראַגיש־פאַרשניטענע און פאַרטיליקטע אין דער יידישער שטאָט גראָדנע מיט אירע קרוב 25 טויזנט יידישע נפשות, וועלכע זענען אומגעקומען על קידוש השם והעם.

---

## אונדזער דור מוז אַנטשיידן

„אונדזער דור מוז אַנטשיידן!" פון דער דאָזיקער אחריות קאָנען מיר זיך נישט אָפּזאָגן. מיר גייען דורך אַ קריטישע צייט. מיר לעבן אין אַן אַנטשיידנדיקער עפּאָכע, ווען עס וועט באַשטימט ווערן דער כאַראַקטער פון אונדזער נאַציאָנאַלן קיום אויף דור־דורות; אינעם איצטיקן מאָמענט זענען מיר נאָך בכוח צו ווירקן, אויף ווי ווייט מענטשן איז באַשערט צו ווירקן; מיר קאָנען נאָך משפּיע זיין דאָס יידישע לעבן, מיר קאָנען נאָך אין אַ גרויסער מאָס באַווירקן וועלכע אידייען זאָלן פאַרפלאַנצט ווערן אינעם לעבן פון אונדזער פאָלק, וועלכע אינסטיטוציעס עס זאָלן אויפגעבויט ווערן און געדייען. שפּעטער וועט שוין זיין צו שפּעט.

מיר זענען דער דור, וואָס האָט נאָך געזען דאָס יידישע לעבן אין מזרח־אייראָפּע, ווען עס איז געווען שעפעריש, ווען עס האָט געשטורעמט; גרויסע האָפענונגען האָבן, ווי אויף פליגלען, אויפגעהויבן די מאַסן פון יידישן פאָלק. דער יידישער מענטש האָט אַ האָפערדיקער, אַ גלייבנדיקער, אַז דער מאָרגן וועט זיין בעסער ווי דער נעכטן און דער היינט, במשך פון איין דור באַוויזן וווּנדערלעכע און גרויסע זאַכן אויפצוטאָן.

חיים בעז

י. אָרבאַך

# פון דער גרויליקער פאַרגאַנגענהייט

מיינע יאָר־איין און יאָר־אויס דערמאָנונגען סיי מינדלעך און סיי שריפטלעך „פון דער גרויליקער פאַרגאַנגענהייט" זענען פאַקטן, אָן וועלכע עס איז באַפּוצונגען. דאָס זענען געשעענישן אזוי ווי זיי זענען ווירקלעך פאָרגעקומען אין די יאָרן 1939־1945.

ס'איז דער הייליקער חוב פון די אַלע „וואָס זענען אין טרעבלינקע יאָ געווען" נישט בלויז צו דערציילן און פאַרשרייבן פאַר די „וואָס זענען אין טרעבלינקע נישט געווען, נאָר אויך פאַר די על־פּי־נס לעבנגעבליבענע נאָכן חורבן, וואָס הייבן אָן צו פאַרגעסן אָדער ווילן נישט דערציילן זייערע קינדער און אייניקלעך, אַז דאָס האָט מיט זיי פּאַסירט, אַז דער דאָזיקער בלוטיק־טראַגישער קאַפּיטל וואָס טראָגט סימבאָליש דעם נאָמען „6 מיליאָן" איז געשען מיט זיי גופא!

★

פון דעם טאָג אָן ווען מען האָט קרוב 25 טויזנט גראָדנער יידישע איינוווינער אריינגעטריבן אין די 2 שמאָלע און ענגע קוואַרטאַלן (שולעוו און סלאָבאָדקע — אין ענדע פון 1941) — איז די יידישע אונטערערדישע באַוועגונג כסדר געשטאַנען אין קאָנטאַקט — דורך געהיימע פאַרבינדלער — מיט די רוסישע און ווייסרוסישע נישט אָרגאַניזירטע פּאַרטיזאַנער־גרופּן אין די וועלדער ארום גראָדנע און ווילנע. ספּעציעל געווען פאַרבונדן מיט דער יידישער אונטערערדישער באַוועגונג אין ביאַליסטאָק, ווילנע און וואַרשע.

צוליב דער געפאַר פון טויט־שטראָף פאַר אַ יידן, וואָס פאָרט פון איין שטאָט אין דער צווייטער, איז די איינציקע מעגלעכקייט פון קאָנטאַקט געווען, זיך באַנוצן מיט פאַלשע „אַרישע" פּאַפּירן. ווייניקער ריזיקאַליש איז עס געווען ווען מיט אַזעלכע „אַרישע" דאָקומענטן האָבן זיך באַנוצט פרויען. אַזוי האָט די גראָדנער יידישע אונטערערדישע אָרגאַניזאַציע באַקומען ידיעות דורך דער ווילנער אונטערערדישער קוריערין בלהה כאַזאַן (די „אַריערין" בראָנקאַ לימאַנאָווסקאַ) וועגן די שרעקלעכע שחיטות אויף פּאָנאַר. צוזאַמען מיט 2 אנד. פאָרשטייער פון די ווילנער פ.פּ.אָ. (פאַראייניקטע פּאַרטיזאַנער־אָרגאַניזאַציע) צווישן 1941־1942 האָבן זיי אָרגאַניזאַציאָנעל פאַרשטאַרקט די אונטערערדישע באַוועגונג אין ביידע גראָדנער געטאָס. און אין אָנהויב פון 1942 האָט זיך קאָנסטיטואירט (אויפן מוסטער פון פ.פּ.אָ.) אַ פאַראייניקטע אונטערערדישע אָרגאַניזאַציע מיט אַ צווישן־פּאַרטייאישן קאָמיטעט אין וועלכן עס זענען געווען פאַרטראָטן אַלע עקזיסטירנדיקע — ביז 1939 — יידישע פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס אין גראָדנע, איינשליסלעך די יידישע קאָמוניסטן.

דורך צופעליקע אַרעסטן צווישן די פּאָלאַקן און ווייסרוסן, דערשמעקט די גראָדנער „געסטאַפּאָ", אַז אין די געטאָס 1 און 2 זענען פאַראַן אונטערערדישע קעמערלעך און אַלס ערשטער קרבן פון די דאָזיקע „דערשמעקונגען" איז געפאַלן דער בונדיסט אַרקע מאָרדער, דער לייטער פון סטאַטיסטישן אַמט ביים גראָדנער יידן־ראַט און אויך אַ מיטגליד פון דער אונטערערדישער באַוועגונג, וועלכער באַגייט זעלבסטמאָרד פאַר זיין אַרעסט.

בשעת דער גרויסער מאַסן־גירוש אַקציע פון גראָדנער געטאָ נר. 1 צווישן דעם 19־טן יאַנואַר און 22־טן יאַנואַר 1942 האָבן די יידישע אונטערערדישע קעמפער געפירט אַ קאַמף מיט דער קליינער צאָל געווער וואָס זיי האָבן באַזיצט קעגן די נאַצישע רוצחים און אַן ערך 50 זענען געפאַלן דורך די נאַצישע העלפער, די אוקראַינער און ליטווינער, וועלכע האָבן באַנוצט דום־דום קוילן און גאַז־גראַנאַטן קעגן די קעמפער.

אַ פרווו צו דערשיסן דעם בלוטיקן געסטאַפּאָ־מערדער סטרעבלאָוו דורך דער אונטערערדישער באַוועגונג, האָט זיך פאַרענדיקט מיט דעם טויט פון די צוויי אַטענטאַטער — מאָטל קופּערמאַן און נחום קראַוויעץ — וועלכע זייענדיק שווער פאַרוווּנדעטע, האָבן זיך אליין דערשאָסן, כדי נישט אריינפאַלן לעבעדיקערהייט צו די געסטאַפּאָ־מערדער. אַנדערע פרווון אויסצופירן אַטענטאַטן אויף די הויפּט־געסטאַפּאָ־פירער פון גראָדנע, ווי: וויזא — קאָמענדאַנט פון געטאָ נר. 1 און רינצלער — קאָמענדאַנט פון געטאָ נר. 2, האָבן זיך פאַרענדיקט מיט שווערע פאַרלוסטן פאַר די אויספירער און אויך פאַר סתם אומשולדיקע יידן אין די געטאָס. דער איינציק געלונגענער אַטענטאַט אויף דעם מערדער וויזא איז פאָרגעקומען אין מאי 1943 צווישן גראָדנע און דעם אַמאָליקן יידישן דאַטשע־שטעטל דרוסקעניק, ווו דער דאָזיקער רוצח איז שווער פאַרוווּנדעט געוואָרן און זיך געמוזט היילן קרוב 6 חדשים. דעם דאָזיקן אַטענטאַט האָבן אויסגעפירט 3 מיטגלידער פון דער גראָדנער יידישער אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע. דער שרייבער פון די שורות האָט זיך דירעקט אין דעם באַטייליקט.

פון די פאַרשיידענע גרופּן יידישע אונטערערדישע קעמפער פון גראָדנע און פון גראָדנער אומגעגנט איז מיט יראת הכבוד צו דערמאָנען אַ גרופּע פון 60 מענער און פרויען וועלכע האָבן געקעמפט מיט די נאַציס אין די קאַלך־בערג ארום גראָדנע. דער גרעסטער טייל פון זיי איז אומגעקומען אין קאַמף פאַרשאַפנדיק פאַרלוסטן פאַר די נאַציס און זייערע מיטהעלפער. אַ טייל פון זיי זענען לעבעדיקע אריינגעפאַלן אין די הענט פון די נאַציס. די דאָזיקע גרופּע מיט דער העלדישער אונטערערדישער קעמפערין כייקע דובינסקא־אָרבאַך, זענען געבראַכט געוואָרן צוריק אין געטאָ און די אָנפירער פון דער גראָדנער געסטאַפּאָ האָבן געמאַכט אַן עפנטלעכן „ספּעקטאַקל" מיט

בירגער זענען פאַלעסטינעזער״... „אין קאָנסעקווענץ וואָלט די אַרבעטער־פּאַרטיי אָנגענומען אַ גאַנץ אַנדערן וועג. אַנשטאָט צו פירן אונטערהאַנדלונגען וועגן אַן אויטאָנאָמיע וואָלטן מיר בעסער געפירט אונטערהאַנדלונגען וועגן אַ טעריטאָריאַלן קאָמפּראָמיס באַזירט אויף דער יו־ען רעזאָלוציע נר. 242״.

פאַר דער צוקונפט (אויב די אַלטערנאַטיווע וועט איבערנעמען די מאַכט) זאָגט פּערעס אָן:

פאַרהאַנדלונגען מיט ירדן צו שאַפן אַן אַלגעמיינע ראַם, וואָס וועט ארומנעמען דאָס קעניגרייך פון ירדן און די טיילן פון יהודה, שומרון און עזה וואָס ישראל וועט לסוף אויפגעבן״. אין די פאַרהאַנדלונגען וועט ישראל פאָדערן אַ פאַרזיכערונג, אַז די צוריקגעגעבענע טעריטאָריעס וועלן פאַרבלייבן דעמיליטאַריזירט.

דאָס איז אין קורצן די אַזוי גערופענע „ירדן־אָפּציע״ פון שמעון פּערעס.

די „ירדן־אָפּציע״ ציט צו מיט איר קלאָרקייט און לאָגיק, וואָס זאָגט צו „אַראָפּ אַן עול פון קאָפּ״...

אויב אָבער מען פאַרטראַכט זיך אביסל לאָגיש אין דער „ירדן־אָפּציע״, איז זי אַ מוסטער פון נאַאיוויטעט.

לאָמיר אָננעמען, אַז דער קעניג כוסיין וועט גיין צום טיש, און וועט אָננעמען דעם פּלאַן:

ווער איז כוסיין, וואָס אויף זיין אונטערשריפט וועט זיך שטיצן די זיכערקייט פון ישראל? כוסיין איז נישט סאַדאַט. סאַדאַט איז אַ מצרי. ער רעפּרעזענטירט די מצרישע אַספּיראַציעס. געאָפּאָליטיש זענען נישט פאַראַן קיין סיבות פאַר אַ מצריש־ישראלדיקן קאָנפליקט און דער שלום איז אין די געאָפּאָליטישע אינטערעסן פון ביידע צדדים.

כוסיין רעפּרעזענטירט נישט די אַספּיראַציעס פון דעם פאָלק אין זיין קעניגרייך. זיין האַשעמיטישע דינאַסטיע איז אַ פרעמדע און שטיצט זיך אויף די באַנגעטן פון די בעדואינישע שבטים, וואָס זענען א מינדערהייט. קיינער קאָן נישט פאָרויסזען ווי לאַנג די האַשעמיטישע דינאַסטיע וועט קיניגן איבער ירדן, אָבער קיינער קאָן נישט אָננעמען, אַז די האַשעמיטישע דינאַסטיע איז סטאַביל. די מערהייט פון דער באַפעלקערונג זענען פּאַלעסטינער. אויב מלך כוסיין וועט אינקאָרפּאָרירן נאָך אַ מיליאָן צוויי הונדערט טויזנט פּאַלעסטינער, וועט די באַזע אויף וועלכע עס שטיצט זיך זיין דינאַסטיע ווערן אַן אומבאַדייטנדיקע מינדערהייט מיט אַ פּאַלעסטינעזישער באַפעלקערונג פון קנאַפּע 90 פּראָצענט. די פּאַלעסטינעזער וועלן זיך נישט פילן פאַרפליכטעט מיט דער אונטערשריפט פון כוסיינען. אין זייערע אויגן וועט ער זיין אַ פאַררעטער.

וואָס וועט זיין אויב אַ צוקונפטיקע ירדן־רעגירונג וועט אַריינשיקן איר אַרמיי אין דער דעמיליטאַריזירטער זאָנע?... ווען היטלערס אַרמיי האָט אריינמאַרשירט אין דער דעמיליטאַריזירטער זאָנע (1936) ביי דער פראַנצויזישער גרענעץ האָט אַ האָן נישט געקרייט...

★

אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם וואָלט אַ קאָנטראַקטועלער הסכם מיט די לאָקאַלע פּאַלעסטינער, אפילו אין די ראַמען פון אן אמתער פול׳ער אויטאָנאָמיע געגעבן ישראל מער זיכערקייט, ווי אַן אונטערשריפט פון כוסיינען, ווייל די אויטאָנאָמישע איינהייט מיט די גרעסטע פּריווילעגיעס וועט דאָך נישט האָבן קיין שווער באַוואָפנטע אַרמיי פאר אַ פלוצימדיקן פאַרעטערישן אָנפאַל. אמת, עס אַנטשטייט אַ מעגלעכקייט, אַז די אויטאָנאָמישע אויטאָריטעט וועט איינלאַדן אַ פרעמדע אַרמיי, אָבער דער שכל זאָגט, אַז זיי וועלן דאָס נישט טאָן, ווייל זיי וואָלטן געוואָרן דער קרבן אין אַזאַ צוזאַמענשטויס.

דאָס אָבער איז דאָך אַלץ היפּאָטעטיש. דער קעניג כוסיין קומט דערוויל נישט צום טיש און סאַדאַט וויל אים נישט ביים טיש. די „ירדן־אָפּציע״ איז אַ נאַאיווע אילוזיע.

אויך די פּאַלעסטינער זענען דערוויל נישט גרייט צו גיין צום טיש. די סיטואַציע איז זייער קאָמפּליצירט, אַזוי, אַז די ישובים וואָס ווערן אויפגעשטעלט אויף מלוכה לאַנד און אין פונקטן, וויכטיק פאַר ישראלס זיכערקייט זענען דערוויל די איינציקע רעאַליטעט.

★

די פּערזענלעכע אויפפירונג פון דעם אַלטערנאַטיוו־פירער טראָגט אריין א משונהדיקן עלעמענט אין ישראלדיקן סיסטעם. דער פירער פון דער אַלטערנאַטיוו פאָרט אַרום איבער לענדער, ווערט אויפגענומען דורך מלוכה־מענער, אַלס דער וואָס איז גרייט צו מאַכן קאָנצעסיעס... (אַזוי ווי ער וואָלט שוין געווען פּרעמיער־מיניסטער).

שמעון פּערעס האָט זיך אויסגעדריקט, אַז בעגין וועט זיך מוזן צעגעזעגענען, אַז זיי ביידע „לויפן״ פאַר דעם זעלבן אַמט און די קאַנדידאַטן פאַר דער אַמעריקאַנער פּרעזידענטשאַפט פירן זיך אויך אויף אין אַזאַ סטיל און שטייגער...

עס איז צו באַדויערן, אַז דער פירער פון דער אַלטערנאַטיוו, זעט נישט אין דעם אונטערשיד צווישן אמעריקע און ישראל. וואָס אַמעריקע קאָן זיך דערלויבן קאָן זיך ישראל דערוויל נישט דערלויבן.

חלומות זענען פאַרגעפילן פון גרויסע אידייען...
און גרויסע אידייען זוכן מיט מאַכט זייער פאַרקערפּערונג
אין פאַקטן.

י. ל. פּרץ

וואָס שייך סטימולירן גרעסערע פּראָדוקטיוויטעט, איז דער פּראָצעס פון סאַנירן די נישט פּראָדוקטיווע „אל־על"־געזעלשאַפט אַ באַלערנדיקער ביישפּיל. די ראָל פון דער אַרבעטער־אָפּאָזיציע (די אַלטערנאַטיוו) אין דעם דאָזיקן סכסוך רוקט אָן ספקות וועגן דעם מוט פון דער אַלטערנאַטיוו אין דעם ענין פון פּראָדוקטיווקייט.

## די אויסערן־פּאָליטיק

ווי זעט אויס דער געראַנגל צווישן דער רעגירונג און דער אַלטערנאַטיוו אויפן געביטן פון אויסערן־פּאָליטיק?

די התפעלות פון דעם סאַדאַט־וויזיט קיין ירושלים און דער שלום־אָפּמאַך מיט מצרים געהערן צו דער פאַרגאַנגענהייט. די קעגנזייטיקע וויזיטן פון מיניסטאָרן, פאַרלאַמענטאַריער, וויסנשאַפטלער, ישראל־טוריסטן אין קאַיר און ביי די פּיראַמידן, ווערן אָנגענומען, ווי מ'זאָגט דאָס: אַלס געשעענער פאַקט.

אָבער דער צווייטער טייל פון דעם „קעמפּ דייווויד"־אָפּמאַך — די עטאַבלירונג פון דער אויטאָנאָמיע אין עזה, יהודה, שומרון, אָט דער טייל געפינט זיך דערווייל אינעם אייז־קאַסטן.

נישט אַריינגייענדיק אין דעם ענין „לינקעדזש" (פאַרבינדונג) צווישן דעם אויטאָנאָמיע־פּראָבלעם און די נאָרמאַליזאַציע אין דעם שלום־פּראָצעס צווישן ישראל און מצרים — דאַרף מען נעמען אין באַטראַכט, אַז אויב דער ענין פון אויטאָנאָמיע וועט נישט געליזט ווערן פאַר דעם ענדגילטיקן צוריקציען זיך פון סיני, וועט סאַדאַט זיין אין אַ בעסערער פּאָזיציע צו פּרעסן פאַר זיין שטעלונג.

די ביז־איצטיקע פאַרהאַנדלונגען וועגן דער אויטאָנאָמיע צווישן ישראל און מצרים דערמאָנען אַ דיאַלאָג צווישן צוויי טויבע. איינער זאָגט: „גוט שבת" און דער צווייטער ענטפערט: „רעטעך טראָג איך".

די שטעלונג פון פּרעמיער־מיניסטער בעגין איז קלאָר. ער האַלט זיך לעגאַליסטיש ביי דעם פּראָגראַם, אַז די אויטאָנאָמיע באַציט זיך נאָר צו די אַראַבער, וואָס באַוווינען די טעריטאָריעס און נישט צו די טעריטאָריעס גופא.

לויט אַ גענוי דעטאַלירטן פּלאַן (פון אליהו בן־אלישר) ווערט די אויטאָנאָמישע אויטאָריטעט באַגרענעצט צו דער ראָל פון אַ מוניציפּאַלער פאַרוואַלטונג. למשל, דער בילדונגס־דעפּאַרטאַמענט וועט פאַרוואַלטן מיט די שולן און אויסבילדן לערער, אָבער די ביז־איצטיקע צענזור איבער טעקסט־ביכער בלייבט אין קראַפט. דער פינאַנס־דעפּאַרטאַמענט וועט זיין באַרעכטיקט ארויפצולייגן דירעקטע שטייערן, אָבער נישט איינפירן אומדירעקטע שטייערן אָדער צאָל־טאַריפן. דער טראַנספּאָרט דעפּאַרטאַמענט וועט זיין אונטער דער אויפזיכט פון ישראל „בכדי צו פאַרמיידן אַ פּלוצלינגדיקן אָפּשלוס פון די וועגן, וואָס פירן צו די ישראל־ישובים". די אויטאָנאָמישע אויטאָריטעט וועט נישט האָבן קיין רעכט זיך אריינצומישן אין דער פרייהייט פון באַוועגונגען און עקאָנאָמישער אַקטיוויטעט. וואָס שייך דער אימיגראַציע פון די פּליטים, וועט דאָס זיין אָפּהענגיק פון ישראלס צושטימונגען א.א.וו.

סאַדאַט ווידער, שטיצט זיך אויף דעם בפירוש אויסדרוק „פולע" אויטאָנאָמיע, וואָס קאָן ניט טאָלערירן אזעלכע באַגרענעצונגען.

סאַדאַט וויזט אָן, אַז דער „קעמפּ דייוויד"־אָפּמאַך שטרייכט אונטער בפירוש דעם טראַנזיטאָרישן (איבערגאַנגס) כאַראַקטער פון דער אויטאָנאָמיע אויף פינף יאָר. דער ענדגילטיקער סטאַטוס פון די טעריטאָריעס וועט דאַן ווערן פאַרהאַנדלט און באַשלאָסן. די פאַרהאַנדלונגען וועלן זיין באַזירט אויף דער יו־ען רעזאָלוציע 242. זיי וועלן אויך לייזן דאָס אָנצייכענען פון די גרענעצן, דעם כאַראַקטער פון די זיכערקייטס אַראַנזשירונגען. די לייזונג פון די פאַרהאַנדלונגען מוז אַנערקענען די לעגיטימע רעכט פון די פּאַלעסטינער א.א.וו.

דאָס אַלץ שטייט בפירוש אין דעם „קעמפּ דייוויד"־אָפּמאַך.

עס אונטערליגט נישט קיין צווייפל, אַז בעגין האָט קיינמאָל נישט געהאַט בדעה צוצולאָזן, אַז דער סטאַטוס פון די טעריטאָריעס זאָל זיך אַ סך ענדערן נאָכן איבערגאַנגס־פּעריאָד פון די פינף יאָר. צוליב דעם איז די איילעניש איינצושטעלן דאָרט נייע ישובים (נישט פאַרבאָטן אין דעם אָפּמאַך) און אויך אויסצוברייטערן די עקזיסטירנדיקע ישובים.

דערווייל זענען נישט פאַראַן קיין גרויסע האָפענונגען, אַז די אונטערהאַנדלונגען זאָלן פּראָגרעסירן.

וואָס איז די שטעלונג פון דער אַלטערנאַטיוו?

אין „פאָרעין אפעירס" מאַגאַזין (האַרבסט 1980) האָט שמעון פּערעס פאַרעפנטלעכט אַ לענגערע אָפּהאַנדלונג אונטער דעם טיטל: „אַ סטראַטעגיע פאַר שלום אין דעם מיטעלן מזרח".

די אָפּהאַנדלונג אַנטהאַלט אַ קלאָרע און לאָגישע אַנאַליזע פון דער געאָפּאָליטישער לאַגע אינעם מיטעלן מזרח ווי אויך דעם פּראָגראַם פון דער אָפּאָזיציע צו לייזן דעם פּראָבלעם פון די טעריטאָריעס. אייניקע ציטאַטן וועלן אילוסטרירן נישט נאָר דעם קלאָרן סטיל פון שמעון פּערעס נאָר אויך דעם תמצית פון זיין פּראָגראַם: „מיר זענען געבליבן מיט דעם אַמיינסטן קאָמפּליצירטן פּראָבלעם אויפן וועג צו אַן אַלזייטיקן שלום — די לייזונג פון דעם פּאַלעסטינעזישן פּראָבלעם און דער גורל פון יהודה, שומרון און עזה"... „אויב די אויטאָנאָמיע וועט רעאַליזירט ווערן — אָדער לויט בעגינס ווערסיע אָדער לויט סאַדאַטס ווערסיע — פילן מיר, אַז מיר וועלן זיין ווייט פון אַ צופרידנשטעלנדיקער לייזונג. אויב ס'ווערט רעאַליזירט אַזוי ווי בעגין וויל עס, דעמאָלט וועט ישראל זיך פאַרוואַנדלען פון אַ יידישער מדינה אין אַ בינאַציאָנאַלער געזעלשאַפט"... „אויב מ'וועט דורכפירן מר. סאַדאַטס ווערסיע, דעמאָלט וועט אַנטשטיין נאָך איין פּאַלעסטינעזישער שטאַט אין שכנות מיט ירדן, וואָס איז שוין ווירקלעך אַ פּאַלעסטינעזישע מלוכה, ווייל די מערהייט פון אירע

אַלטע גוטע צייטן האָט אַ פעסל פעטראָל געקאָסט צוויי דאָלער (1973). היינט מוז די מדינה צאָלן פערציק דאָלער פאַר אַ פעסל. צוואַנציק פראָצענט פונעם פעטראָל פאַרנוץ האָט די מדינה געשעפּט פון די קוואַלן אין סיני, וועלכע זענען צוריקגעגעבן געוואָרן מצרים, פאַרן פרייז פון שלום.

אַזוי זענען די קאָסטן פון אימפּאָרטירן פעטראָל געשטיגן אין די לעצטע פאָר יאָר פון אַ פאַרהעלטנישמעסיק באַשיידענער סומע, ביז צו צוויי טויזנט פינף הונדערט מיליאָן דאָלער אַ יאָר. (בלויז אין לעצטן יאָר איז דער פרייז פון פעטראָל געשטיגן הונדערט פּראָצענט...).

אין די אַלטע גוטע צייטן האָט די עבודה־רעגירונג באַקומען פון אויסלאַנד שטיצע און הלוואות (אויף קליינע פּראָצענטער) אן ערך אַכצן טויזנט מיליאָן דאָלער. ווען די ליכוד־רעגירונג איז געקומען צו דער מאַכט, איז דער מלוכה־אוצר געווען אַ ליידיק שיסל, דערפאַר אָבער מיט אַ גראָבן פּאָרטפעליאָ פון חובות.

דאָס וואָס די ליכוד־רעגירונג באַקומט היינט אין שטיצע און הלוואות (אויף הויכע פּראָצענטער 20־14 פּראָצענט אַ יאָר) דעקט אפילו נישט די באַדינונג פון די אַלטע הלוואות. זיי האָבן פאַרמשכנט די מדינה און די בעגין־רעגירונג מוז באָרגן צוויי טויזנט מיליאָן דאָלער אַ יאָר צו באַצאָלן צינזן.

היות דער בודזשעט באַטרעפט אַזוי פיל, ווי דער ווערט פון דער גאַנצער פּראָדוקציע פון לאַנד, מוז די רעגירונג דרוקן געלט בכדי די מלוכה זאָל זיך נישט צוזאַמענברעכן. דאָס איז די סיבה פון דער היפּער־אינפלאַציע...

וואָס שלאָגט פאָר די אַלטערנאַטיוו אין איר פּראָגראַם צו סאַנירן די ווירטשאַפט?

דערווייל כמעט גאָרנישט. דאָס איינציקע וואָס מיר האָבן געהערט איז די אָנשטרענגונג צו דערגרייכן אַ העכערע פּראָדוקטיוויטעט פון דעם ישראלדיקן אַרבעטער. זייער וויכטיק און צו באַגריסן. פאַקטיש איז דאָס איינס פון די וויכטיקסטע פאַקטאָרן צו אַ לייזונג, וואָס קאָן געזונט מאַכן די ישראלדיקע ווירטשאַפט.

היינט־צו־טאָג איז דער ווערט פון דער פּראָדוקטיוויטעט פער קאָפּ קוים — 2.100. דאָלער (נעמענדיק אין באַטראַכט, אַז די אַמעריקאַנער הילף און שטיצע און הלוואות באַטרעפט טויזנט דאָלער פער קאָפּ... איז נישטאָ מיט וואָס צו שטאָלצירן). דאָס איז אַ זייער נידעריקע פּראָדוקטיוויטעט.

געווען ממש גוטע צייטן אַמאָל. — די צייטן פון דוד בן גוריון. דעמאָלט איז די פּראָדוקטיוויטעט פער קאָפּ אין ישראל געוואָקסן צען פּראָצענט אַ יאָר. אַזאַ קאָלאָסאַלן עקאָנאָמישן וווקס אין דער נאַציאָנאַלער עקאָנאָמיע האָבן דעמאָלט דערגרייכט נאָר דריי אַנדערע לענדער: יאַפּאַן, דרום־קאָרייע און טייוואַן. דעמאָלט איז דער ישראלדיקער אַרבעטער געווען דורכגעדרונגען מיט אידעאַליזם. ער האָט געפילט זיין אחריות פאַר זיך און פאַר דער מדינה (פאַקטיש מיינט פּראָדוקטיוויטעט ערלעכע, פלייסיקע 8 שעה אַרבעט אַ טאָג).

זייט 1967 איז די פּראָדוקטיוויטעט געוואָרן קלענער און קלענער און איז היינט נידעריקער, ווי אין די זאַטע אייראָפּעישע לענדער.

קיינער באַשולדיקט נישט די ליכוד־רעגירונג, אַז זי האָט פאַראורזאַכט די נידעריקע פּראָדוקטיוויטעט.

אדרבה: דער עקספּאָרט איז שטאַרק געשטיגן, ספּעציעל דער עקספּאָרט פון אינדוסטריעלע פּראָדוקטן פון העכערער טעכנאָלאָגיע. דורכן דעוואַלואירן די ישראל־וואַלוטע, זענען די ישראל־פּראָדוקטן געוואָרן ביליקער אויפן וועלט־מאַרק. די עקספּאָרט־סובסידיעס זענען געשניטן געוואָרן און דאָס האָט געצוווּנגען די פּראָדוצענטן־עקספּאָרטערן צו אַ בעסערער פּראָדוקטיוויטעט, בכדי זיין קאָנקורענץ־פעיק.

ווען אַלץ וואָלט געגאַנגען לויטן פּלאַן, וואָלט ישראל אין די יאָרן 1984—1985 מער נישט געווען אָנגעוויזן אויף דער אַמעריקאַנער עקאָנאָמישער שטיצע. ישראל וואָלט געוואָרן עקאָנאָמיש זעלבשטענדיק.

איז אָבער נישט אַלץ געגאַנגען לויטן פּלאַן. די געהאַלטן און אַרבעטס־לוינען זענען געשטיגן שנעלער און העכער ווי די אינפלאַציע (אין יאָר 1977 אליין מיט 10 פּראָצענט). ס'איז נויטיק צו דערמאָנען, אַז אין מאַי 1979 האָט דער דעמאָלטדיקער פינאַנס־מיניסטער שמחה ערליך געוואָרנט, אַז אויב די רעגירונג וועט נישט רעדוצירן דראַסטיש די מלוכה־אויסגאַבן, וועט די אינפלאַציע איבערשטייגן 100 פּראָצענט. דער דראַסטישער פּלאַן איז נישט אָנגענומען געוואָרן. יעדער מיניסטער איז אַ געפאַנגענער פון דעם אַפּאַראַט פון זיין דעפּאַרטאַמענט. ער איז מסכים דראַסטיש צו שניידן יענעמס דעפּאַרטאַמענט, אָבער פאַר זיין דעפּאַרטאַמענט פאַרלאַנגט ער אַן הוספה. דער סך־הכל — מער אינפלאַציע.

דאָס איז דער הויפּט־חטא פון דער ליכוד־רעגירונג. ווען די רעגירונג האָט ענדלעך באַשלאָסן דראַסטיש צו שניידן דעם מלוכה־סעקטאָר (אפילו דעם בודזשעט פון צה"ל) האָבן זיך אָנגעהויבן מחלוקות. עזר ווייצמאַן האָט דעמיסיאָנירט און שפּעטער האָט דער פינאַנס־מיניסטער יגאל הורוויץ רעזיגנירט. דער קריזיס האָט געצוווּנגען די רעגירונג צו גיין צו וואַלן.

פון די ביז־איצטיקע אויספירונגען איז קלאָר, אַז בכדי צו סאַנירן די ישראלדיקע עקאָנאָמיע (וואָס איז מעגלעך אין לויף פון 7־5 יאָר) מוזן אָנגענומען ווערן דראַקאָנישע שריט צו שניידן דעם נישט פּראָדוקטיוון מלוכה־סעקטאָר און גלייכצייטיק מוז די פּראָדוקטיווקייט דראַסטיש שטייגן, ווייל נאָר דורך אַ פאַרגרעסערטן עקספּאָרט קענען אריינקומען געלטער צו דעקן די הוצאות פון אימפּאָרט.

נישטאָ קיין אַנדער אויסוועג.

צי וועט די אַלטערנאַטיוו זיין ווילִיק צו רעדוצירן דראַסטיש דעם מלוכה־סעקטאָר און סטימולירן אַ גרעסערע פּראָדוקטיוויטעט?

מ'דאַרף דאָך געדענקען, אַז דאָס איז געווען דער מערך־רעזשים וואָס האָט אויפגעשטעלט און צעבלאָזן דעם מלוכה־אַפּאַראַט.

ד״ר מ. פערשטענדיק

# די אַלטערנאַטיוו

אין אַ דעמאָקראַטישן סיסטעם ווערט די פּאַרלאַמענטאַרישע אָפּאָזיציע באַטראַכט אַלס די אַלטערנאַטיוו. ס׳איז די אויפגאַבע און פליכט פון דער אָפּאָזיציע זיך קעגנצושטעלן און אויפווייזן די פעלערן פון דער רעגירונג. אין טאָג־טעגלעכן פּראָצעס פון דער פּאַרלאַמענטאַרישער אַרבעט באַקעמפט זי די געזעץ־פּראָיעקטן, וואָס די רעגירונג שלאָגט פאָר, און טראָגט אריין אויסבעסערונגען אפילו ווען ס׳איז קלאָר, אַז די מערהייט וועט די אויסבעסערונגען אָפּוואַרפן. אין דער דעבאַטע קריטיקירט די אָפּאָזיציע די האַנדלונגען און אַלץ, וואָס זי באַטראַכט אַלס פעלערן פון דער רעגירונג, אַרגומענטירנדיק, אַז די דאָזיקע האַנדלונגען און פעלערן זענען קעגן די אינטערעסן פונעם פאָלק און לאַנד. פאַר די וואַלן שטעלט די אָפּאָזיציע פאָר איר אייגענעם אַלזייטיקן פּראָגראַם, די פּלאַטפאָרמע פאר וועלכער זי זוכט דעם מאַנדאַט כדי צו שאַפן די רעגירונג.

די זאַכלעכקייט פון דער פּלאַטפאָרמע, ווי אויך די זאַכלעכקייט און פערזענלעכע אויפפירונגען פון די אָפּאָזיציע־פירער דאַרפן איבערצייגן די וויילער, אַז דאָס איז די אַלטערנאַטיוו.

גלייכצייטיק דאַרף מען געדענקן אין דעם שפּריכוואָרט, אַז דאָס איז די דיסקרעדיטירטע רעגירונג וואָס פאַרלירט די וואַלן און נישט די אָפּאָזיציע וואָס געווינט...

★

לויט די „פּאָלסטערס״, וואָס מעסטן די שטימונג פון דער באַפעלקערונג אין ישראל, איז דער „רעקאָרד״ פון דער רעגירונג אַזאַ, אַז ווען ס׳וואָלטן היינט געווען וואַלן וואָלט די רעגירונג געליטן אַ מפּלה.

נישט קיין וווּנדער. די עקאָנאָמישע לאַגע אין אַ „מעס״. צי קאָן אַ רעגירונג האָבן אַ האָפענונג ווידער אויסגעוויילט צו ווערן, ווען די אינפלאַציע בושוועט 140־130 פּראָצענט אַ יאָר?

מיניסטאָרן אין כנסת, חברים פון דער קאָאַליציע דעפעקטירן ווי פון אַ זינקענדיקער שיף.

די פאַרהאַנדלונגען וועגן דער אויטאָנאָמיע און דעם שלום־פּראָצעס זענען אין שטילשטאַנד, אָן אַ האָפענונג אויף פאָרשריט און לייזונגען.

## די עקאָנאָמיע

בכדי אָפּצושאַצן די אויסזיכטן פון דער אַלטערנאַטיוו אויפן עקאָנאָמישן געביט, מוז מען אָביעקטיוו אַנאַליזירן די סיבות פון דער עקאָנאָמישער בלאָטע אין וועלכער די מדינה געפינט זיך. מען מוז פעסטשטעלן די שולד און פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון דער רעגירונג פאַר דעם טרויעריקן מצב. דאָס וועט דערמעגלעכן אָפּצושאַצן דעם פּראָגראַם פון דער אַלטערנאַטיוו אַרויסצוציען דעם עקאָנאָמישן וואָגן פון דער בלאָטע און סאַנירן דיווירטשאַפט.

די רעגירונג וועט פאַרשטענדלעך זיך פאַרענטפערן מיט תרוצים.

דער מיליטערישער בודזשעט עסט אויף 30 פּראָצענט פון דער גאַנצער נאַציאָנאַלער פּראָדוקציע. די אַרמיי קאָנסומירט 15 פּראָצענט פון דער אינדוסטריעלער פּראָדוקציע און 20 פּראָצענט פון דער אַרבעטערשאַפט. דער מיליטערישער בודזשעט באַטרעפט איבער 1000 דאָלאַר פער קאָפּ.

די ספּעציפישע לאַגע פון דעם ישוב, וואָס געפינט זיך אין אַ באַלאַגערונגס־צושטאַנד פאָדערט פון דער רעגירונג צו פאַרזיכערן יעדן מיט אַרבעט און מיט אַ מינימאַלן לעבן־סטאַנדאַרד. די לעבנסוויכטיקע אינטערעסן פון דער מדינה דערלויבן נישט צו רעדוצירן די אויסגאַבן פאַר דעם „וועלפעיר״ פון דער געזעלשאַפט.

ביי אַזאַ צושטאַנד איז דער בודזשעט פון דער רעגירונג אַזוי גרויס, ווי די ווערט פון דער פּראָדוקציע פונעם גאַנצן פאָלק. דאָס הייסט, אַז ווען ס׳וואָלטן נישט אריינגעקומען קיין הלוואות און שטיצע פון אויסלאַנד וואָלטן די מענטשן, וואָס באַקומען נישט קיין געהאַלט, אָדער שטיצע פון דער רעגירונג, — געבליבן אָן אַ גראָשן אויף אַ שטיקל טרוקן ברויט.

„תרוצים, פוילע תרוצים״ — וועט הילכן די פּראָפּאַגאַנדע־מאַשין פון דער אַלטערנאַטיוו, אָנווייזנדיק, אַז די דאָזיקע פּראָבלעמען האָבן עקזיסטירט זייט דער אַנטשטייאונג פון דער מדינה. געווען אינפלאַציע אָבער נישט די קאַטאַסטראָפאַלע היפּער אינפלאַציע פון 140 פּראָצענט, פאַר וועלכער נאָר די בעגין־רעגירונג איז פאַראַנטוואָרטלעך...

פאַראַן אין דעם אַ שטיק אמת, אפשר אַ האַלבער אמת, ווייל עס זענען אויפגעשווומען פּראָבלעמען, וועלכע זענען פריער נישט געווען...

למשל, די קאָסטן פון אימפּאָרטירן פּעטראָל. אין די

---

מיר, די שארית הפליטה פון חורבן געוואָרן ווייניקער, און אונדזער שטים אין דער וועלט ווערט וואָס אַמאָל שוואַכער.

פון דער טריבונע פון די פאַראייניקטע פעלקער הערט מען אַנטיסעמיטישע רעדעס געווענדט קעגן מדינת ישראל, אָבער מיינען — מיינט מען אונדז אַלעמען, ווו מיר זאָלן נישט זיין.

אונדזער טרויער דאַרף אויך ווערן — אונדזער פּראָטעסט, פּונקט ווי די קוילן פון וואַרשעווער געטאָ געשאָסן צו די נאַצישע רוצחים, האָבן אויך געטראָפן דעם געוויסן פון דער וועלט, וואָס האָט מיטאַמאָל דערזען: רעשטלעך פון אַ פאָלק שטייען אין העלדישן געראַנגל, נישט נאָר פאַר זייער לעבן און פרייהייט, נאָר פאַר דער פרייהייט פון דער גאַנצער וועלט, אויף וועלכער ס׳האָט זיך פאַרמאָסטן די נאַצישע האַק.

מ. א.

# מעלבורנער בלעטער

ליטעראַריש־געזעלשאַפטלעכע אויסגאַבע

“KADIMAH”, 7 Selwyn Street, Elsternwick, Victoria, 3185, Australia. :אַדרעס פון רעדאַקציע

אַפּריל־מאַי 1981 | נומער 2 (26) | מעלבורן, אויסטראַליע

## עם ישראל חי!

דער צוזאַמענפאָר פון שארית הפליטה אין ישראל, אין יוני ה. י. איז אַ ווירדיקע דעמאָנסטראַציע קעגן אַלע באַמיאונגען פון נאַציזם, און פון די אַלע, וואָס האָבן אָט די לערע אריינגענומען אין זייערע פּאָליטישע פּלענער און רעזשימען.

די שארית־הפליטה—די, וועלכע זענען אַרויס פון נאַצי־גיהנום און אַנדערע גיהנומס, ווען דעמאָנסטרירן די סאַמע פּשוטסטע זאַך, צוליב וועלכער קיינער דעמאָנסטרירט איבערהויפּט נישט: מיר, דאָס אויסגעבלוטיקט יידיש פאָלק פון אייראָפּע זענען דאָ; נאָך מער — אונדזער זיין איז אַ דאָרן אין דעם געוויסן פון דער מענטשהייט, אַ דער־מאָנונג אין יענע טראַגישע טעג, ווען דער נאַציזם האָט הפקרדיק „גערייניקט” אייראָפּע פון די יידן, אָן צו הערן אַ וואָרט פון פּראָטעסט, פון וואָרענונג מצד די מעכטיקע אַליאירטע פעלקער. זיי האָט געפעלט דער מוט (און אפשר — דער חשק) צו לאָזן וויסן די נאַציס, אַז דאָס אומברענגען מיליאָנען יידן איז אַ פאַרברעכן קעגן דער מענטשהייט, פאַר וועלכן מ׳וועט שטיין פאַרן משפט.

דער געוויסן פון דער וועלט האָט זיך ווי נישט איז אויסגערעגולירט; זיך צוגעפּאַסט; שלום געמאַכט מיט זיך.

געשיכטע אָבער האָט איר אייגענעם וועג נקמה צו נעמען פאַר אָט דער גלייכגילטיקער צופּאַסונג.

דער נאַציזם האָט איבערגעלאָזט אַ גייסטיקע צוואה, אַז: מאָרד, קרימינעלע פאַרברעכנס, רויבערייען, גענאָסיד — קאָנען לעגאַליזירט ווערן דורך געבן זיי אַ פּאָליטישע מאָטיווירונג. יעדער פאַרברעכער, ווי שוידערלעך זיין פאַרברעכן זאָל נישט זיין, וועט אַלע מאָל געפינען אַ דערקלערונג, אָן „אַליבי” פאַר זיין פאַרברעכן. דאָס געריכט וואַרפט געוויינלעך אָפּ די דאָזיקע אויפקלערונגען פון אינדיווידועלן פאַרברעכער, ווי זינלאָזיקייט. אין בעסטן פאַל, לאָזט דאָס געריכט אים פּסיכיש אונטערזוכן.

די פּאָליטישע מאָטיווירונג פון די מערדערייען דורך פאַרשידענע טעראָר־גרופּן, וואָס ווערן אויסגעפירט אין נאָמען פון צווייפלהאַפטע, פאַרקריפּלטע אידייען, זענען געוואָרן אַקצעפּטירט דורך דעם געוויסן פון דער וועלט, און פון אַ סך רעגירונגען. זיי האָבן אַפילו באַקומען אַ לעגאַלן סטאַטוס, דורך צוטיילן זיי די טריבונע פון די פאַראייניקטע פעלקער; מען באַצייכנט זיי ווי פרייהייטס־קעמפער, מאַרטירער און אידעאַליסטן. מען געפינט אין די מאָדערנע ווערטער־ביכער געזונג אויסדרוקן וואָס גיבן צו די פאַרברעכער אַן אָרעאָל פון העלדישקייט.

די וועלט איז אַרומגעוויקלט מיט אַ קייט, געפלאָכטן פון טעראָריסטישן שטעכל־דראָט, וואָס ציט זיך פון יאַפּאַן (די רויטע אַרמיי) איבער איטאַליע (די רויטע בריגאַדעס), דורך אירלאַנד (די רעפּובליקאַנער אַרמיי), איבער איראַן (די רעוואָלוציאָנערע סטודענטן) און די פּ.ל.אָ. — וואָס איז די פאַרבינדלערין, צושטעלערין פון געווער און קאָאָרדינאַציע פאַר די אַלע גרופּן.

דער קלעם, אין וועלכן די וועלט געפינט זיך, קריגט די שטילע (און טיילמאָל — אָפענע) אונטערשטיצונג פון סאָוויעט־רוסלאַנד, ווּ זיי געפינען נישט נאָר באַזעס פאַר זייער צוגרייטונג, נאָר אויך אַ ברכה פאַר זייערע טאָטן. אויך לענדער פון מערב גיבן זייער הסכמה פאַר דער טעטיקייט פון דער פּ.ל.אָ., מיטן באַדינג, זיי זאָלן נישט צופיל אויפרייסן די אויגן פון אַרום און נישט צופיל מיסברויכן מיט דער גאַסטפריינדלעכקייט פון די לענדער.

נישט נאָר דער מערב — אויך די קאָמוניסטישע וועלט — האָט גאָרנישט געלערנט פון זייערע פעלערן. היטלער איז געקומען צו דער מאַכט, ווייל די דייטשע קאָמוניסטישע פאַרטיי האָט אָנשטאָט קעמפן קעגן היטלערן־־געקעמפט קעגן די ברידער־אַרבעטער, קעגן דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פאַרטיי. די לאָזונג איז געווען: „נאָך היטלערן קומען מיר!” דער דאָזיקער פאַטאַלער, פּאָליטישער טעות (לויט די אינסטרוקציעס פון קאָמינטערן) האָט געקאָסט נישט נאָר דאָס לעבן פון זעקס מיליאָן יידן און מיליאָנען אַנדערע מענטשן פון פאַרשידענע נאַציאָנאַליטעטן, נאָר די סאָוויעטן אַליין האָבן פאַרלוירן אין דער בלוטיקער מלחמה 25 מיליאָן מענטשן! דאָך חזרן זיי איבער דעם זעלבן פעלער פון כאָוועך די טעראָריסטישע גרופּן, גלויבנדיק אין אַלטן כלל, אַז ס׳איז גוט צו כאַפּן פיש אין מוטנעם וואַסער...

ווּ שטייען מיר יידן — אין אָט דעם דאָזיקן געראַנגל?

מיר שטייען אַליין מיט אונדזערע קדושים, מיט אונדזער צער און אונדזער ווייטאָג.

38 יאָר זענען פאַרביי פון דעם טראַגישן טאָג — וואָס הייסט: וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד. זינט דאַן זענען

# אינהאלט:


מ. א. — עם ישראל חי! . . . . . . . . . . . . . 1

דר. מ. פערשטענדיק — די אלטערנאטיוו . . . . . . . . . . 2

י. ארבאך — פון דער גרויליקער פארגאנגענהייט . . . . . . . 6

י. ראזענבערג — יאש, דו ביסט קין! (פאעמע) . . . . . . . . . 8

ניומאן ראזענטאל — די טראגעדיע ביאליסטאק (רעצענזיע)—יידיש: י.מ.ל. . . 9

א. ציקערט — חלום-פוילן (ליד) . . . . . . . . . . . 11

פראפ. ירמיה יובל — דאס געשפענסט האט זיך אויפגעוועקט . . . . . . 12

י. ראטענבערג — אמעריקע און אירע קריטיקערס . . . . . . . . . 15

ש. שווייצער — משה קולבאק . . . . . . . . . . . . . 17

מ. קולבאק — יידישע ווערטער (ליד) . . . . . . . . . . 18

מ. אייזענבוד — מיין זעלמעניאנישן ברודער (ליד) . . . . . . . . . 18

וו. יאבלאנסקי — צום 38טן יארטאג פון אויפשטאנד אין ווארשעווער געטא 19

י. האמער — „מעלבורנער בלעטער" . . . . . . . . . . . 20

מ. אייזענבוד — דאס הימלאזע ליד פון ותיק . . . . . . . . . 21

ש. בענעט — 35 יאר „הזמיר"-כאר . . . . . . . . . . . 24

„קדימה"-טעטיקייטס-באריכט . . . . . . . . . 26

מעם — אין אונדזער סביבה . . . . . . . . . . . 27


פרייז 1 דאלאר

ISSN 0155-0128

# מעלבורנער בלעטער

1943 — גע‫טאָ־נומער — 1981

## געדענק די 6 מיליאָן קדושים



כ'זע די פֿייער־חורבות. אויף די שוואַרצע לוחות,
אין דעם אַש פֿון מיין פֿאַרברענטן מענטשנרעכט,
לייען איך דאָס רעכט פֿון אוממענטש, ס'רעכט פֿון רוחות,
וואָס כסדר לעכט עס אויף און שלאָגט און שעכט.

וואָס דערפֿון, אַז ס'וועלן פֿאַלן די ממשלות
פֿון דעם היינט ווי פֿוילע ראַמען און פֿאַרגיין?
ס'וועלן העק נאָך בלישטשען, ס'וועלן סוויסטשען קללות,
איך וועל שטענדיק שטאַרבן עלנט, פֿרעמד, אַליין.

א. לעיעלעס

אַרויסגעגעבן דורך דער „קדימה" אין מעלבורן, אויסטראַליע

מעלבורן — נר. 2 (26) — אפריל־מאי 1981